YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i45

GERECHTIGKEIT
(YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 45
November 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 45)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/71

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6). אן מיין גערעכטיג-קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראיי-ניגט אייך, און די וועלט וועט זיין א י י ע ר ע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן

Vol. III. No. 45. New-York, Friday, November 4, 1921. פרייטאג, 4טער נאוועמבער, 1921. PRICE 3 CENTS

די קלאוקמאכער וועלען ענטפערען די מאנופעקט-שורערס דורך א רעפערענדום וואוט

דאס איז דער באשלוס פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — דער היסטארישער מיטינג פון דער קערפער-שאפט לעצטען שבת ביינאכט. — מערקווירדיגע, זעהר איינדרוקספולע רעדעס ווערען געהאלטען פון שלעזינגער, באראף, פיינבערג, יאנאווסקי, זיגמאן און שעהן.

דער רעפערענדום וועט געשטימט ווערען מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך, 7טען, 8טען און 9טען נאוו.

אלזא, איצט האבען די קלאוקמאכער דאס ווארט. די גרויסע מיטגלידערשאפט פון די קלאוקמאכער יוניאן, די מיטגלידער פון די אלע לאקאלס וואס זיינען אנגעשלאסען צום דזשאינט, וועלען איצט געבען דעם ענטפער צו די באלעבאטים אויף זייער אולטימאטום; אויף זייער ,,אוקאז'', דאס ,,ביט פאסעמו'', דעם 14טען נאוועמבער, 1921, זאל אין זייערע שעפער ווידער איינגעפיהרט ווערען שטיק-ארבייט, קלענערע שכירות און א לענגערע ארבייטס-וואך.

דעם מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך, דעם 7טען, 8טען און 9טען נאוועמבער, דארפען די קלאוקמאכער געבען דעם ענטפער צו די באלעבאטים. דער באשלוס פון דזשאינט באארד, איבערצוגעבען די פראגע צו די מיטגלידער צו באשטימען דורך א רעפערענדום אפשטימונג ווערט שוין דורכגעפיהרט און אין די דריי טעג דארפען אלע מיטגלידער פון דער יוניאן קומען צום שטימקאסטען און באשטימען, צי זיי נעמען אן די באדינגונגען וואס די באלעבאטים ווילען אויף זיי ארויפצווינגען, אדער זיי ווארפען עס מיט פאראכטונג צוריק. ווי די מיטגלידער וועלען באשליסען דורך דער רעפערענדום אפשטימונג אזוי וועט די יוניאן האנדלען.

זאלען אלע מיטגלידער פון דער קלאוק, סקוירט און ריפערמאכער יוניאן קומען צום שטימקאסטען מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך און זאגען זייער ווארט. די זאך איז זעהר ערנסט, און קיין מיטגליד טאר זיך ניט צוריקהאלטען פון קומען ארויס-זאגען זיין, אדער איהר ווארט. זאל דער רעפערענדום וואוט זיין וואס גרעסער! וואס מעהר מיטגלידער עס וועלען זיך באטייליגען אין דער אפשטימונג, אלץ א גרע-סערע געוויכט וועט האבען דער ענטפער, וועלכען די ארבייטער וועלען געבען די באלעבאטים דורך דער רעפערענדום אפשטימונג.

שטימען וועט מען קאנען אין די פאלגענדע פלעצער:

אין די אפיסעס פון דזשאינט באארד: 40 איסט 23טע סטריט; 35 2טע עוועניו; 114 לעקסינגטאן עוועניו, הארלעם אפיס; 99 מעקיבען סט., ברוקלין אפיס; 219 סעקמאן סט., בראונזוויל אפיס; 76 מאנגאמערי סט., דזשוירזי סיטי אפיס; און אין 105 מאנטגאמערי סט., נווארק.

אין די פאלגענדע לאקאל אפיסעס: לאקאל 1, 100 וועסט 21טע סטריט; אין די אפיסעס פון די לאקאלס 10, 23 און 48, 231 איסט 14טע סט.; אין די אפיסעס פון די לאקאלס 9 און 35, קארנער 2טע עוועניו און 14טע סט.; אין אפיס פון לאקאל 17, 144 2טע עוועניו.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק מאכער יוניאן לעצטען שבת אווענט איז געווען א היסטארישער, איי-נע פון די פייערליכסטע פארזאמלונגען וואס דער דזשאינט באארד האט געהאט אין פארלויף פון זיין עקזיסטענץ.

עס איז שוין ניט דאס ערשטע מאל וואס דער שרייבער פון די שורות האט בייגעוואוינט א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד ערב א מלחמה מיט די מאנופעק-טשורערס, אין דער צייט פון א מאבילי-זאציע, און אין זכרון זיינען נאך פריש די בילדער פון יענע קריגס-בעראטונגען. און מען קאן גאנץ באשטימט זאגען, דאס קיין מאל פריהער האט זיך אויף אזעלכע מיטינגען ניט געפיהלט אזא מין זיכער-קייט, אזא פעסטקייט און אזא א י נ י ג-ק י י ט אין די אייגענע רייהען, ווי אויף דעם מערקווירדיגען, היסטארישען מיטינג פון דזשאינט באארד לעצטען שבת אווענט! אויב עס איז אפשר פריהער געווען אין דער יוניאן געוויסע מיינונגס-פארשידענהייטען וועגען מאנכע יוניאן-פראבלעמען, איז עס איצטער אפגעווישט, איז עס איצטער מעהר ניטא. איצטער איז די גרויסע מאסע קלאוקמאכער פעסט, סאליד, און איינינ, און איז גרייט אפצו-שטויסען אלע אטאקעס פון זייערע בא-לעבאטים.

די דעלעגאטען צו דעם דזשאינט באארד זיינען די פארשטעהער פון די פופציג טויזענד ארגאניזירטע קלאוקמאכער פון ניו יארק און אומגעגענד. זיי זיינען ניט קיין באצאהלטע בעאמטע, זיי ארבי-טען אין די שעפער זייט ביי זייט מיט דער ,,רענק און פייל'', און ווען זיי קו-מען זיך צונויף אויף א מיטינג, האט איהר דעם סענטימענט פון שאפ; פיהלט איהר די שטימונג פון די מאסען. אויב זיי זיי-נען באגייסטערט און קאמפס-לוסטיג, מו זייט וויסען, אז דאס איז די באגייסטע-רונג און די קאמפסלוסטיגקייט פון דער גרויסער מיטגלידערשאפט פון דער יוניאן. און איהר האט געדארפט בלויז אריינ-קוקען אין די אויגען פון די דעלעגא-טען צום דזשאינט באארד לעצטען שבת אווענט, וואלט איהר שוין וויסען גאנץ קלאר, וואס די גרויסע מאסע קלאוקמא-כער דענקט וועגען דעם חוצפה'דיגען אול-טימאטום פון דער ,,פראטעקטיוו אסאסי-איישאן'', דעם ,,ביט פאסעמו'' זייערען — ווי פרעזידענט שלעזינגער רופט עס אן — זייער אוטאקראטישע האנדלונג, איינצו-פיהרען שטיק-ארבייט, פארקלענערען די שכירות און פארלענגערען די ארבייטס-צייט, אהן אפילו וועגען דעם עפעס א פרעג צו טאן ביי די ארבייטער אין דער אינ-דוסטריע. די דעלעגאטען פון דזשאינט באארד זיינען געווען שטארק ענטרוס-טעט איבער דער דאזיגער האנדלונג פון דער ,,פראטעקטיוו אסס'ן'' און מען קען אנגעהמען, דאס דיזעלבע ענטריסטונג איז אויך פאראן ביי אלע קלאוקמאכער אין די שעפער.

און די גרויסע מאסע קלאוקמאכער וועט געבען דעם ענטפער צו די באלעבא-טים דורך דעם רעפערענדום וואוט.

דער טשערמאן פון דזשאינט באארד האט געעפענט דעם מיטינג, אויפ'ן זעל-בען שטיינער ווי ער עפענט אלע מיטינ-גען פון דער קערפערשאפט. עס האט זיך אבער באלד געפיהלט, אז דער מיטינג איז אן אויסערגעוועהנליכער. דאס האט זיך גלייך דערפיהלט, ווען סעקרעטער לאנ-גער האט אפגעגעבען א קורצען באריכט פון דער ,,עמוירדזשענסי קאמיטע'', וואס האט געמיטעט פרייטאג, דעם גאנצען טאג, אין אפיס פון אונזער אינטערנע-שאנאל. די ,,עמוירדזשענסי קאמיטע'' איז באשטאנען פון די גענעראל בעאמטע

(שלוס אויף זייט 2).

קלאוק מאנופעקטשורערס פון שיקאגא און סט. לואיס גיבען אויך ארויס א ,,אוקאז''

פרעזידענט שלעזינגער פארט אין די וועסט

די קלאוק מאנופעקטשורערס פון שי-קאגא און סט. לואיס טוען נאך די ,,פרא-טעקטיוו אסס'ן'' און טוען עס אויפ'ן זעל-בינען שטיינער.

וועגען דער אנגעלעגענהייט האט פרעזידענט שלעזינגער די וואך באקומען צוויי טעלעגראמען, פון שיקאגא און פון סט. לואיס. די טעלעגראמע פון סט. לו-איס קומט פון ברודער גילבערט, דער מע-נעדזשער פון סט. לואיס דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן. די טעלע-גראמע לויטעט:

,,אונזערע מאנופעקטשורער פארנע-מען זיך איינצופיהרען שטיק-ארבייט דעם 14טען נאוועמבער. מיר האבען געהאט א ספעשעל מיטינג פון אונזער עקזעקוטיוו באארד און עס איז באשלאסען געווארען צו רופען א גענעראל סטרייק די מינוט וואס זיי וועלען פראקלאמירען שטיק-אר-בייט.''

די טעלעגראמע פון שיקאגא איז פון וויים-פרעזידענט ה. סקולמאן, דער מענע-דזשער פון דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, און לעזט זיך ווי פאלגט:

,,די אסס'ן פון די קלאוק באסעס האט באשלאסען ניט צו האבען קיינע פאר-האנדלונגען מיט דער יוניאן, סיידען אין די שעפער וועט עטאבלירט ווערען שטיק-ארבייט. די יוניאן איז גרייט צו געבען די באסעס דעם גרעסטען ווידערשטאנד.''

פרעזידענט שלעזינגער פאהרט אין שיקאגא די ענדע פון דער וואך און ער וועט זעהען וואס דארטען טוט זיך. זיי-ענדיג אין שיקאגא וועט ער זיך דארט אויך טרעפען מיט פארטרעטער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין סט. לואיס און ער וועט האבען בעראטונגען וואס עס דארף דארט געטאן ווערען אונטער די אומשטענדען.

אינהאלט-פארצייכניס

,,גערעכטיגקייט'' נומער 45.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש.
זייט 3. לעבען און טעטיגקייט אין די אפי-סעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 4. נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארט-מענט. צוויי מיטינגען פון עקז. ב. לא-קאל 60. — מ. שעכטער.
זייט 5. דער קאנפערענץ פון דער קליוולאנד קלאוקמאכער יוניאן מיט דער מאנו-פעקטשורערס אסס'ן.—טשארלס קריינד-לער. עקז. ב. מיטינג פון לאק. 25. — טשארלס דזשייקאבסאן.
זייט 6. די פעדעראציע פון קליידער ארביי-טער אין פראנקרייך. — וואז דער העניג. א בריף אין רעדאקציע. — מ. צינקין. וויסט און דרעס שעפער קוויטירונגען.
זייט 7. ענינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע.—א סטעף רעפארטער.
זייט 8. פראטעקטיוו קלאוק מאנופעקטשורערס נאגלען זיך אליין צו צום שאנד-קלאץ.
זייט 9. קארל האפסבורג'ס חשק און זיין דורכפאל. — נ. טאביאס.
זייט 10. די גרויסע דעבאטע. — דזש העל-לער. פינקעלדיגער הימעל (געדיכט). — מ. פערעלמוטער.
זייט 11. א באקאנטשאפט מיט זיך אליין. — דר. דובאווסקי. די וואזאבעס. — אברהם רייזין.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. פילאדעלפיער וויסטמאכער האבען ווידער א זיג. — י. ש. פראנאוויץ.

ארבייטער, טוט אייער פליכט אין טאג פון עלעקשאן!

די קלאוקמאכער פון ניו יארק זיינען גאנץ און פול מיט דער סאציאליסטישער פארטיי אין דעם וואהל-קאמף. דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יו-ניאן האט בעשטיצט דעם קאמפיין פון די סאציאליסטישע פארטיי פינאנציעל און עס איז געשאפען געווארען א ספעציעלע ,,קלאוקמאכער קאמפיין-קאמיטע'' פאר דער ארבייט, און די בעאמטע פון דער יוניאן האבען אדרעסירט א סך מיטינגען.

דינסטאג אווענט, דעם 25טען אקטא-בער, האט די קלאוקמאכער קאמפיין קא-מיטע איינגערופען אין הארלעם א ספע-ציעלען ראטיפיקיישאן מיטינג, וועלכער איז אדרעסירט געווארען פון פרעזידענט שלעזינגער, פון ברודער י. פיינבערג און פון ברודער סאול מעטץ.

דער אלדערמאן-קאנדידאט אויפ'ן סא-ציאליסטישען טיקעט אין יענעם דיסט-ריקט (דער 20טער) איז ברודער בער-נארד שוב, דער סעקרעטער פון אונזער סקוירט און דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 23, און די קלאקמאכער זיינען באזונדערס אויפגעפאדערט געווארען צו העלפען איהם ערוועהלען. דער מיטינג אין הארלעם איז געווען א גרויסער ערפאלג.

רעדענדיג פון ,,אייגענע'' מענשען אויף דעם סאציאליסטישען טיקעט ווילען מיר דערמאנען, דאס מיר האבען נאך און איי-גענעם מענש אויף דעם טיקעט, דאס איז גענאסע אברהם טובים, דער אסעמב-לימען קאנדידאט אין 4טען דיסטריקט. גנ. אב. טובים איז דער מענעדזשער פון פאבליקיישאן דעפארטמענט פון אונ-זער אינטערנעשאנאל. ער איז א גאנץ

(שלוס אויף זייט 16).

פילאדעלפיער ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס האבען א נידערלאגע אין קאורט

זיי קריגען ניט קיין אינדזשאנקשאן נאך וועלכען זיי האבען אזוי גע'חלש'ט. קארט בילדער, סצענקעס און איינדריקע.

פון י. ש. פרענאוויץ

די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס ליכטענשטיין און רייכלין, און די וואסעקא קאמפאניע, וועלכע זיינען געווען פון די ערשטע זיך צו ווענדען אין קארט פאר אן אינדזשאנקשאן, זיינען געבאך געבליבען שטארק ענטוישט. זיי האבען געבאך פארלאנגט אן אינדזשאנקשאן געגען פיקעטען זייערע שעפער, אבער, זייערע האפנונגען צו קאנען דורך אן אינדזשאנקשאן פארניכטען די יוניאן, און נאכהער איינפיהרען אפען שאפ, צאהלען א הונגער לוין און מאכען די ארבייטער ארבייטען לאנגע שטונדען, האבען זיך אויסגעלאזען מיט נארנים, ווייל דזשאדזש פינלעטער, פאר וועמען די קייס איז פארגעקומען, האט ערקלעהרט, אז פיקעטען איז געזעצליך; אז ארבייטער מעגען אפעלירען צו די יעניגע וועלכע ארבייטען אין די שעפער אין א צייט פון סטרייק, אז זיי זאלען זיך אנשליסען אן דער יוניאן.

ניט געזעצליך איז צו פארבלאקירען די סיידוואקס און די גאסען, ארומרינגלען די שעפער אזוי, אז מען זאל צו זיי ניט קאנען צוקומען; עס איז ניט געזעצליך צו באלעסטיגען די ארבייטער וועלכע ארבייטען אין די שעפער און מען טאר ניט געברויכען קיין גוואלד געגען זיי.

דיזער געזעץ האט שוין לאנג עקזיסטירט און דער דזשאדזש האט בלויז דעם געזעץ ערקלעהרט.

די ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן האט געוואוסט פון דעם געזעץ און יעדער ארבייטער פון טרייד האט דעם געזעץ געוואוסט און — זיי האבען איהם אויך אפגעהיט, ווייל די יוניאן און יעדער ארבייטער ווייסען אז געזעצלאזיגקייט קאן מער שאדען דער יוניאן ווי גוטעס טאן.

אבער פיקעטען מעג מען. רעדען אויף א פריידליכען אופן צו די יעניגע וועלכע ארבייטען אין די שעפער וואו מען האלט אין סטרייקען, מעג מען, און זייערע שעפער וועלען געפיקעט ווערען, און די באסעס וועלען ענדליך מוזען קומען צום באשלוס אז דאס בעסטע פאר זיי וועט זיין אונטערצושרייבען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן ווי אזוי די יוניאן וויל.

די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, ווי מען קאן זעהען, האט געהאט איהר ערשטען גרויסען זיג געגען דיזע מאנופעקטשורערס און עס איז צו ערווארטען אז זי וועט אויך האבען אנדערע זיגען, ווייל די גערעכטיגקייט איז אויף איהר זייט, און טראץ דעם, וואס ניט אלע מאל זיגט די גערעכטיגקייט, קאן מען דאך האפען אז דער דזשאדזש וועט אויך קיין אנדערע אינדזשאנקשאנס, ווי די באסעס ווילען, ניט ארויסגעבען.

ווי שוין באקאנט, האט די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאן, אלס א גאנצע, זיך אויך געווענדעט אין קארט פאר אן אינדזשאנקשאן געגען דער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן אז זי זאל קיין רעכט ניט האבען צו שיקען קיין סטרייקערס פיקעטען די שעפער פון אלע איהרע מעמבערס. עס קוקט אויס, אז די אסס'ן האט געפיהלט אז די אויבענדערמאהנטע מאנופעקטשורערס וועלען קיין אינדזשאנקשאן ניט קריגען און זי האט זיך עס פארברייטערט ווייטער צו קעמפען געגען דער יוניאן. צוויי פארהערען זיינען שוין געווען וועגען דיזען אינדזשאנקשאן פארלאנג. עס זיינען אויסגעהערט געווארען עדות פון ביידע צדדים. אין דער צייט אבער ווען איך שרייב דיזע ציילען איז ניט מעגליך צו וויסען דעם רעזולטאט; דער דזשאדזש האט נאך זיין ענטשיידונג ניט ארויסגעגעבען. עס קוקט אבער אויס אז די באסעס וועלען אויך דיזען מאל ניט קריגען וואס זיי האבען געוואלט און וואס זיי חלש'ן צו קריגען, ווייל די באווייזע וועלכע די באסעס האבען געבראכט האבען נאך ווייניגער באדייטונג ווי די ערשטע באווייזע, ד. ה. די באווייזע, וועלכע זיינען פון זייערע עדות געגעבען געווארען וועהרענד די פארהערען פון דער ערשטער אינדזשאנקשאן קייס.

איך האב שוין ביינעוואהנט איינדזשאנקשאן קייסעס, אבער קיינע פון יענע האט אויף מיר ניט געמאכט אזא מאדנעם איינדרוק ווי די אינדזשאנקשאן פארהערען וועלכע זיינען אויבען דערמאהנט. איך האב געפיהלט ווי צו בענקשען און צו שילטען; ווי צו ווערען פרעהליך און ווי צו הערען אויפגערעגט; ווי צו זיין רחמנותדיג און ווי צו ווערען תרעלאז...

ביי יעדען פארהער אין קארט זיינען געווען פיל מענשען פון ביידע צדדים. עס זיינען דארטען געווען מאנופעקטשורערס מיט זייערע לאיערס, עדות און אזוי אייגענע מענשען. דארטען זיינען אויך געווען פארשטעהער פון דער יוניאן, מעמבערס פון דער יוניאן וועלכע זיינען געקומען עדות זאגען, זייער לאיער און זייערע פריינד. די יוניאן לייטע און זייערע פריינד זיינען געזעסען צוזאמען אין איין טייל קארט און די באסעס מיט זייערע עדות און אייגענע מענשען וועלכע זיינען געקומען אלס צושויער, זיינען געזעסען אויף אן אנדער זייט אין קארט. ביי א גרויסען טיש זיינען געזעסען די לאיערס פון ביידע צדדים, און דער קאמף איז אנגעגאנגען.

איך האב באטראכט די לאגערען פון ביידע צדדים און פאר מיר איז ערשינען א בילד וועלכער האט מיט זיך פארגעשטעלט די טראגעדיע פון דער היינטיגער געזעלשאפט און איהר פארפוילטקייט.

אט זיינען די מענשען וועלכע האבען די מאכט אין זייערע הענט. זיי זיינען רייך, זיי זיינען גליקליך; זיי געניסען אלע פארגעניגענס פון לעבען; זיי וואוינען אין רייכע היימען און באדען זיך אין לוקסוס און אין פרייד, אבער, זיי זיינען נאך ניט צופרידען מיט דאס וואס זיי האבען; זיי ווילען נאך מעהר; זיי ווילען נאך ווערען רייכער און זיי ווילען ווערען נאך שטארקער און מעכטיגער, געברויכענדיג זאגאר די העסליכסטע מעטאדען זייער ציל צו ערגרייכען.

און אט זיצען אנדערע מענשען. ארימע און עלענדע מענשען. זייער יוגענד איז פארוועלקט געווארען פאר דער צייט ארבייטענדיג ביי די משינען לאנגע שטונדען און פילע יאהרען. מאנכע פון זיי זיינען אין די משינען איינגעשפאנט געווארען ווען זיי זיינען נאך גאר קינדער געווען, און — זיי האבען אזוי פיל יאהרען געזיפצט און אזוי פיל מאל געוויינט, און הייסע, זודיגע טרעהרען פארגאסען.

ארים זיינען זייערע היימען, און זעהר ווייניג שטראהלען פון לעבען דרינגען אריין אין זייערע הערצער.

איך באטראכט אט דיזע קינדער פון עלענד און נויט, און אין די פנים'ער פון מאנכע דערקען איך דעם אומעט אין זייערע נשמות, די וועהטאגען אין זייערע הערצער. אנדערע זיינען אזוי מיד און אויסגעמאטערט, ווייל ארבייטען יאהרען לאנג ביי אייזערנע משינען, אין שטענדיגען רויש און טומעל, מוז מען מיד ווערען, מוז מען ווערען אויסגעמאטערט, און זייערע בליקען רופען ארויס אזוי פיל געדאנקען און געפיהלען...

צוויי לאגערען!...

די רייכע און די גליקליכע פיהרען אן א קאמף געגען די ארימע און אונגליקליכע. זיי ווילען ווערען רייכער און זאטער פון די כחות און טרעהרען פון אומגליקליכע.

און איך טראכט: ווי מענשליך א טיגער איז און ווי טיגעריש מענשען זיינען!

א טיגער, זאגט מען, וועט ניט צורייסען קיין אנדער טיגער, און ווען ער צורייסט יא וועמען, טוט ער דאס נאר דאן ווען ער איז הונגעריג און דאס אויך ניט פון זיין מין.

די מענשען אבער רייסען מענשען ווען זיי זיינען זאט און — זיי רייסען מיטגלידער פון זייער אייגענעם מין.

ווי מענשליך א טיגער איז אין פארגלייך צו מאנכע מענשען!

איך האב באטראכט דעם ריכטער, וועלכער דארף ארויסגעבען זיין ענטשיידונג אויב די רייכע זאלען האבען דאס רעכט צו ווערען נאך רייכער אויף דעם חשבון פון די ארימע... דאכט זיך אזוי איינפאך; די רייכע ווילען נאך מעהר מאכט, נאך מעהר רייכטום, נאך מעהר לוקסוס.

די ארימע ווילען אז מען זאל פון זיי דאס לעצטע שטיקעל ברויט ניט אוועקנעהמען, ווייל זיי האבען שוין אזוי אויך ווייניג ברויט צו לעבען... ווער איז גערעכט? ווי אזוי דארף דער ריכטער געבען זיין אורטייל? דאכט זיך אזוי איינפאך!

און דאך ציטערט דאס הארץ פאר א גזר געגען די ארימע...

* * *

מען רופט עדות אויפ'ן וויטנעס סטענד.

אט קומט ארויף א יונגע מיידעל. דער לאיער פרעגט איהר נאמען. זי זאגט; ער פרעגט וואו זי וואוינט און זי זאגט — אין א געסעל וועלכע איז אזוי טרויעריג ווי דער מזל פון דאס מיידעל... ער פרעגט איהר ווי אלט זי איז, און זי זאגט איהם; זי איז 22 יאהר אלט. ער פרעגט איהר ווי לאנג זי ארבייט שוין ביי דעם באס געגען וועמען זי סטרייקט, און זי זאגט איהם אז זי ארבייט דארטען זיבען מיט א האלב יאהר. דאס הייסט, ווען זי איז פערצעהן און א האלב יאהר אלט געווען האט זי שוין אנגעהויבען צו ארבייטען אין שאפ, און דארטען האט זי א טייל פון איהר קינדהייט פארבראכט; דארטען האט איהר קינדהייט אנגעהויבען וועלקען און די יוגענד איהרע וועלקט דארטען אויך, זיפצט דארטען אויך, און וויינט דארטען אויך...

דער לאיער פרעגט איהר פראגען און זי ענטפערט. זי דערצעהלט: זי האט געפיקעט דעם שאפ און פאליסלייט זיינען איהר באפאלען, האבען איהר געשלאגען, ארעסטירט און אין סטיישאן הויז געבראכט פאר נארניט... פשוט פאר גארנים; בלויז דערפאר ווייל זי איז געגאנגען אויפ'ן סיידוואק.

קומט ארויף א צווייטע מיידעל אויפ'ן וויטנעס סטענד און דער לאיער פרעגט איהר נאמען, וואו זי וואהנט און ווי אלט זי איז. זי זאגט איהם און זי זאגט איהם אויך אז זי איז אלט זיבען און צוואנציג יאהר.

און ער פרעגט איר ווי לאנג זי ארבייט אין דעם שאפ פון דעם באס געגען וועמען זי סטרייקט. זי זאגט אז זי ארבייט שוין דארטען פערצעהן יאהר...

נעהמט ארונטער פערצעהן פון זיבען און צוואנציג, וועט איהר אויסגעפינען אז דאס מיידעל האט אנגעפאנגען ארבייטען ביי דעם באס ווען זי איז בלויז דרייצעהן יאהר אלט געווען...

אין שאפ האט אנגעהויבען איהר קינדהייט צו וועלקען און דארטען וועלקט אויך איהר יוגענד...

און זי דערצעהלט ווי אזוי מען האט איהר באלײדיגט, געטריבען פון שאפ געבען וועלכען זי האט געפיקעט — פון שאפ וואו איהר באס איז רייך געווארען פון איהר ארבייט, פון איהרע וועהטאגען און טרעהרען... ווילסט ארבייטען פאר א הונגער לוין, איז גוט, ווען ניט — נעה צום טייפעל... זאגט דער באס.

און פילע, פילע אזעלכע און עהנליכע עדות זיינען געבראכט געווארען אויפ'ן סטענד, און זיי האבען געשילדערט די טראגעדיע פון דעם ארבייטער'ס לעבען, און פון די ברוטאליטעט פון די יעניגע, וועלכע האבען איבער דעם ארבייטער'ס לעבען צו זאגען... זיי האבען געמאלען אזעלכע גרויזאמע, אזעלכע שרעקליכע בילדער.

און די הערצער פון די באסעס זיינען ניט געריהרט געווארען און זייערע נשמות האבען קיין ציטער ניט געגעבען...

ווי גליקליך מען מוז עס זיין ווען מען קאן אזעלכע הערצער און נשמות האבען...

וואלט איך געווען איינער פון די מאנופעקטשורערס וועלכע האבען זיך אין קארט געפונען אין דער צייט ווען די אינדזשאנקשאן פארהערען זיינען אנגעגאנגען, וואלט איך זיך שטארק געשעהמט. איך ווייס אבער ניט אויב די באסעס זיינען פון שאנדע רויט געווארען.

די ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן איז א אידישע ארגאניזאציאן. דארטען זיינען אויך דא א סך קריסטען, אבער אין פארגלייך צו די אידישע מעמבערס זיינען זיי קליין אין צאהל. די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס זיינען אידען און זייערע לאיערס זיינען אויך אידען.

דער לאיער פון דער יוניאן איז א קריסט און ער הייבט אן צו שילדערען די גוטע ארבייט וועלכע די יוניאן טוט אויף ניט בלויז איז זי פאראינטערעסירט אין פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין עקאנאמישען הינזיכט, זאנדערען, זי זארגט אויך פאר די גייסטיגע ערציהונג פון די ארבייטער און פאר זייער אלגעמיינע בעקוועמליכקייט. די יוניאן, זאגט דער לאיער, האט געשאפען א זומער היים פאר די מעמבערס איהרע וואו זיי זאלען קאנען פארברייינגען זייערע וואקיישאנס אויף דעם אנגענעהמסטען אופן; זי האט א קאאפעראטיווען רעסטאראנט געעפענט פאר זיי וואו זיי זאלען קאנען קריגען געזונטע שפייז; די יוניאן האט אין די ווינטער סעזאנען ארגאניזירט קאנצערטען פאר איהרע מעמבערס און די קאנצערטיסטען זיינען געווען וועלט בארימטע קינסטלער; די יוניאן האט גענומען טעאטער פארשטעלונגען פאר איהרע מעמבערס און די בעסטע פיעסען זיינען דארטען געשפילט געווארען; די יוניאן האט א מאנדאלין ארקעסטער, א לייבערערי, א. אז. וו., זי טוט בילדונגס ארבייט, זי ענטוויקעלט די ארבייטער גייסטיג...

און אזוי שנעל ווי דער לאיער פון דער יוניאן, דער קריסטליכער לאיער, האט געענדיגט, איז אויפגעשפרונגען א אידישער לאיער פון די אידישע מאנופעקטשורערס, און האט געזאגט אויף א אידישע ארבייטער ארגאניזאציאן אז דיזע אידישע ארבייטער ארגאניזאציאן פארשפרייט מיט איהר עדיוקיישאנאל ארבייט, דעם ראדיקאליזם און באלשעוויזם... א מסירה'לע, כדי אפצושוואכען דעם גוטען איינדרוק וואס דעם לאיער'ס ווערטער האבען געמאכט וועגען די גוטע ארבייט פון דער יוניאן.

און אט איז נאך א מעשה'לע:

א קריסטליכע פרוי, א סטרייק ברעכערין, קומט ארויף אויפ'ן וויטנעס סטענד פאר די באסעס, און דער לאיער פון דער יוניאן נעהמט איהר אויפ'ן קרייז פארהער נאכדעם ווי זי האט דערצעהלט ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע זאכען.

זאגט זי צום לאיער פון דער יוניאן אויף א זעהר דראמאטישען אופן אז איהר וואונדערט שטארק ווארום ער פארטיידיגט אויסלענדער, וועלכע האבען קיין פארטיידיגונג ניט פארדינט...

אלזא; די מאנופעקטשורערס זיינען כמעט אלע „אויסלענדער" און די „גרינקייט" ליגט זיי אויף די פנים'ער, און א סך פון זיי קאנען זאגאר דעם ענגלישען לשון ניט ריכטיג... די לאיערס פון די מאנופעקטשורערס האבען טאטעס און מאמעס וועלכע קומען פון „אויסלאנד"... און א סך פון די סטרייקברעכער וועלכע האבען עדות געזאגט פאר די מאנופעקטשורערס זיינען אויך געווען אמאל גרינע חיות...

אמת, געמיינט האט די סטרייק ברעכערקע צו שעדיגען די סטרייקערס, אבער זי האט געטראפען, אדער זי האט דערמיט געדארפט טרעפען די לאיערס און כמעט אלע מאנופעקטשורערס, און די סטרייק ברעכער וועלכע זיינען „אויסלענדישע" אידען...

ווען איך וואלט געווען א מאנופעקטשורער וואלט איך זיך זיכער געשעהמט הערענדיג אזעלכע ווערטער פון „און אייגענעם מענשען", אבער, האבען די מאנופעקטשורערס זיך געשעהמט? שווער צו זאגען, אבער וועה געטאן האט זיי געדארפט...

דער יוניטי קאנצערט אין קארנעגיע האל דעם פרייטאג אווענט

(שלוס פון זייט 1)

זאלען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, באזונדערס די וואס זיינען געווען אין די יוניטי הויז און דארט פארבראכט זייער וואקיישאן, ניט פארפעהלען צו זיין אין קארנעגי האל צו דעם רייכען קאנצערט. דער קאנצערט וועט געוויס זיין א גרויסארטיגער. זאל קארנעגי האל פרייטאג אווענט זיין געפאקט!

די יוניטי הויז האט א סך פריינט, זאלען נאר די אלע פריינט קומען צום קאנצערט אין קארנעגי האל. און זאלען די פריינט מיטברייינגען מיט זיך נאך פריינט, נייע פריינט.

אויב איהר האט נאך ניט קיין טיקעטס וועט איהר עס קאנען באקומען היינט, פרייטאג אווענט, אין באקס אפיס פון קארנעגי האל.

אלע פריינט פון די יוניטי הויז וועלען זיך דארט טרעפען!

עס וועט זיין אן אמת'ער יוניטי אווענט. פארפעהלט ניט צו זיין דארט.

סלאוקמאכער אויפמערקזאם!

אין איינקלאנג מיט אונזער אגרימענט מוז יעדער ארבייטער פון טרייד קריגען זיין „פעי" אין קעש.

דארום פאדערען מיר איך אויף ניט צו נעמען קיינע משעקס פון אייערע בעל-הבתים, און מיט דעם וועט איהר פארמיידען פיעל טראבעל פאר איך און דער יוניאן.

מיט גרוס,

דזש. באארד קלאוק און סקירט מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

לעבען און טעטיגקייט אין די אפיסעס פון דער קלאוקמאכער יוניאן

פון ל. פינקעלשטיין.

דער „אמעריקען אסאסיאיישאן" אפיס.

מיר האבען לעצטענס באקומען אינטערעסאנטע רעפארטען, אנגעפיקעוועט פול מיט פאקטען און ציפער, וועלכע דערצעהלען פון א וואונדערבארער טעטיגקייט פאר די מיטגלידער, ווי פאר דער יוניאן. די רעפארטען זיינען פון דריי דיסטריקט מענעדזשערס פון דזשאינט באארד; פון ברודער מעטץ, דער מענעדזשער פון „אמעריקען אפיס", ברודער רובין, דער מענעדזשער פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן" און ברודער פריזאמט, דער מענעדזשער פון סקווירט און דרעס רעפארטמענט.

אלע דריי רעפארטען זיינען לאנג. ברודער רובין'ס רעפארט, למשל, פון „פראטעקטיוו דיוויזשאן", באציט זיך אויף א פעריאד פון גאנצע פיער חדשים, — פאר די גאנצע צייט וואס דער לעצטער סעטעלמענט מיט'ן „מעמאראנדום" איז געווען אין קראפט. ברודער מעטץ'ס רעפארט באציט זיך אויף א פעריאד פון איבער צוויי חדשים און ברודער פריזאמט'ס רעפארט איז פאר א משך פון זעקס וואכען. זיי זיינען דעריבער, ווי שוין פריהער באמערקט, אנגעפיקעוועט מיט פאקטען און מיט ציפער איבער דאס לעבען און טעטיגקייט אין דער יוניאן פאר מאנאטען און מאנאטען.

מיר וועלען באטראכטען די רעפארטען אין דעם סדר ווי מיר האבען זיי באקומען.

צוערשט קומט דער רעפארט פון ברודער סאול מעטץ, פון דער יוניאן-טעטיגקייט אין דעם „אמעריקען אסאסיאיישאן אפיס."

אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים איז אין דעם אפיס, בעסער געזאגט, אין די צוויי אפטיילונגען פון דעם אפיס, פון אפ-טאון און דאון-טאון, אטענדעד געווארען 2577 פארשידענע קלאגען (קאמפליינטס), קלאסיפיצירט אזוי:

189 קלאגען וועגען ניט גלייכער פארטיילונג פון ארבייט; 68 ווידזש-קאלעקשאנס; 53 וועגען באשעפטיגען ניט יוניאן-לייט; 14 וועגען ניט ריכטיגע ווידזש-סקיילס; 174 „דיסטשארדזש קייסעס", און אזוי ווייטער.

מיר שטעלען זיך אפ ביי די 174 „דיסטשארדזש קייסעס". אזוי פיל „דיסטשארדזש קייסעס", אפילו ווען דאס איז פאר א משך פון צוויי חדשים, יאגט אויך אן א שרעק. אבער שרעקען זיך דארף מען ניט. ווייל א פאר שורות ווייטער אין דעם רעפארט ווערט געגעבען א סך הכל פון די דאזיגע קייסעס און מיר געפינען אויס דאס פאלגענדע:

אין 124 פאלען — פון די 174 — זיינען די ארבייטער „ריאינסטייטעט" געווארען. דאס הייסט, זיי זיינען צוריק אנגעשטעלט געווארען אויף די פלעצער פון וועלכע זיי זיינען ארונטערגעשיקט געווארען. דאס ענדערט שוין די גאנצע זאך און ס'ווערט לייכטער אויפ'ן הארצען.

דאן דערוויסען מיר זיך נאך עפעס: דאס 31 פון די קלאגען, האט מען געמוזט „לאזען פאלען", ווייל די אפגעזאגטע ארבייטער זיינען ניט געקומען, ווען זייערע קלאגען האבען געזאלט אויפגענומען ווערען, אין אפיס פון דער יוניאן. קאן מען דאך פון דעם דרינגען, דאס וויבאלד יענע ארבייטער וואלטען יע קומען, און זייערע קלאגען וואלטען אויפגענומען געווארען, וואלטען מאנכע פון זיי געווארען „ריאינסטייטעט", און דער ציפער פון די אפגעזאגטע ארבייטער וואלט נאך קלענער געווארען.

און אט זיינען די אורזאכען, ווארום מאנכע פון די אפגעזאגט ארבייטער האבען ניט בעקענט ריאינסטייטעט ווערען.

ביי דער פירמע קערסטיין און קאנטאר איז אפגעזאגט געווארען אן אפערייטאר. ביי דער אונטערזוכונג האט זיך ארויסגעוויזען אז ער האט דארט געארבייט בלויז א וואך צייט און ער האט ניט געקאנט ריאינסטייטעט ווערען.

ביי דער פירמע דינגענטהאל און קאפלאן איז אפגעזאגט געווארען אן אפערייטאר. ביי דער אונטערזוכונג איז באוויזען געווארען, דאס דער ארבייטער האט מיאוס באלידיגט איינעם פון די באלעבאטים און ער האט דעריבער ניט געקענט ריאינסטייטעט ווערען. פאר דער זעלבער אורזאך האט אויך ניט געקענט רעאינסטייטעט ווערען א פינישער ביי דער פירמע לעווימאן און ליוויי, און נאך אנדערע ארבייטער ביי איינינע אנדערע פירמען.

אין איינינע פאלען, ביי די פירמען בענדער און סאן, נ. לעסער און סאן, דזש. און ב. קלאוק קאמפ., מ. זיכערמאן, און נאך אנדערע פירמען, האבען די ארבייטער ניט געקאנט רעאינסטייטעט ווערען, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די באטרעפענדע ארבייטער וואס האבען געמאכט די קלאגעס אז זיי זיינען ענטזאגט געווארען, זיינען פאר א לאנגע צייט אוועקגעבליבען פון שאפ. אין מאנכע פאלען זיינען די ארבייטער ניט געקומען אין שאפ פאר דריי חדשים און נאכדעם זיינען זיי פלוצלונג געקומען צו דער ארבייט. אין די פאלען האבען די ארבייטער ניט געקאנט ריאינסטייטעט ווערען, ווייל די פירמען האבען גע'טענה'ט, דאס די ארבייטער זיינען ניט אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט, נאר זיי האבען די פלעצער אליין פארלאזען.

אלזא, נאר אין אזעלכע און ענליכע פאלען האבען די ארבייטער ניט געקענט רעאינסטייטעט ווערען. אבער אין די אנדערע פאלען, וואו נאר עס איז געווען א שיין פון גערעכטיגקייט אויף דעם ארבייטער'ס זייט, זיינען די ארבייטער געווארען רעאינסטייטעט.

* * *

עטליכע זייטען פון דעם רעפארט זיינען פארנומען מיט „סטאפעדזשעס". דאס הייסט מיט פאלען, וואו די ארבייטער האבען אפגעשטעלט די גאנצע ארבייט פאר עטליכע טעג. אין איינינע פאלען האט עס פאסירט, ווייל די באלעבאטים האבען ניט אויסגעצאהלט די שכירות אין דער געהעריגער צייט, און ווען די „סטאפעדזשעס" זיינען געמאכט געווארען, האבען די „דזשאבבערס", פאר וועלכע יענע פירמען ארבייטען, אויסגעצאהלט די ארבייטער די שכירות. און אין מאנכע פאלען איז עס געווען גאנץ באדייטענדע סומען. ביי דער פירמע שאטץ, למשל, איז די ארבייטער געקומען א סומע פון פערצעהן הונדערט דאלאר.

אנדערע „סטאפעדזשעס" זיינען פארגעקומען צוליב דעם וואס שאפ-טשערלייט און אקטיווע יוניאן-לייט זיינען אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט. אנדערע ווידער, ווייל די באלעבאטים האבען די מעהרסטע ארבייט ארויסגעשיקט „אויט-סייד", און געלאזען די אינסייד ארבייטער זיך ארומבאדרעהען מיט גאר נים. אלע די סטאפעדזשעס זיינען אויסגעגליכען געווארען דורך די פארמיטלונגען פון דער יוניאן.

* * *

אין דער קלאוק אינדוסטריע פון ניו יארק האלט זיך כסדר אין אויפמאכען און צומאכען שעפער. און די יוניאן האט געגוג טראבעל פון ביידע, אי פון די שעפער וואס מאכען זיך צו, אי פון די נייע שעפער וואס מאכען זיך אויף.

ווען א שאפ מאכט זיך צו בלייבען, נאטירליך, א צאל ארבייטער אומבאשעפטיגט. דאן פאנגט זיך אן א געשיכטע, צו די פירמע האט טאקע צוגעמאכט דעם שאפ אויף אן אמת, ווייל זי האט עס געמוזט, אדער געוואלט טאן, אדער עס שטעקט הינטער דעם עפעס „א טריק." ווארום ניט זעלטען פאסירט עס, אז א געוויסע פירמע זאגט אז זי „נעהמט ארויס פון ביזנעס", און דאס ווערט געטאן נאר כדי פטור צו ווערען פון געוויסע ארבייטער. דער גאנצער „ארויסנעהן פון ביזנעס" איז העמאלט ניט מעהר ווי א שפיצעל אזא, און די בעאמטע פון דער יוניאן דארפען נאכזעהן אז אזעלכעס זאל ניט פאסירען.

אזוי ווייט אין באצוג די שעפער וואס מאכען זיך צו.

דאן פאנגט זיך אן א סדרה מיט די נייע שעפער וואס מאכען זיך אויף. דער אפיס פון דער יוניאן דארף תמיד האלטען אן אפען אויג, די נייע שעפער זאלען זיין ארגאניזירט, זיי זאלען זיין יוניאן שעפער. וואלט מען אויף דעם ניט אויפגעפאסט וואלטען זיך אין דער אינדוסטריע אנגעלאדען ניט קיין יוניאן שעפער, וועלכע וואלטען שעדליך געווען פאר די יוניאן שעפער. און דער רעפארט פון ברודער מעטץ דערצעהלט אין ציפער ווי פלייסיג עס ווערט אין דער הינזיכט געארבייט.

דאן דערצעהלט דער רעפארט פון די טראבעלס וואס קומען ארויס אין די שעפער וועגען דער ניט גלייכער צוטיילונג פון ארבייט. אזעלכע קלאגעס זיינען געקומען פון 189 שעפער און — זאגט דער רעפארט — „עס פרעהט אונז צו באריכטען, דאס די קאמפליינטס פון אט די שעפער זיינען געווארען אויסגעגליכען צו דער צופרידענהייט פון די ארבייטער אין די דאזיגע שעפער."

צום שלוס פון דעם רעפארט קומט א לאנגער צעטעל מיט נעמען פון פירמעס, ביי וועמען עס איז אויפגעמאכט געווארען „בעק פעי" פאר מאנכע ארבייטער. די סומען זיינען פארשידען, זיי לויפען פון 3.40 דאל. ביז 265.58 דאל. אין גאנצען אבער באטרעפט די סומע 2,704.05 דאלאר.

אט די ציפער רעדען גאר א סך. זיי ווייזען אן דעם פאקט, דאס ווען ניט די יוניאן וואלטען די ארבייטער פון די באטרעפענדע שעפער אין משך פון דער צייט פארלארען אזוי פיל פון זייערע שכירות. ווי איהר זעהט, איז דער רעפארט ארום און ארום א גאנץ פרוכטבארער.

דער סקווירט און דרעס דיוויזשאן.

דער רעפארט פון דעם אפיס, פון וועלכען ברודער ס. פריזאמט איז מענעדזשער, איז ווי שוין פריהער באמערקט, פאר א משך פון זעקס וואכען, און ער איז דעריבער א סך קירצער, ווי דער רעפארט, וואס מיר האבען פריהער באטראכט. עס שטראמט אבער ארויס פון איהם דער זעלבער קוואל מיט לעבען און יוניאן-טעטיגקייט, כאטש אויף א קלענערען מאסשטאב.

אין די זעקס וואכען צייט איז אין דעם אפיס אטענדעט געווארען 732 קלאגעס, פון דעם זעלבינען כאראקטער, ווי די וואס מיר האבען דא איבערגעגעבען פון דעם „אמעריקאן אסס'ן אפיס". אויך דא זיינען די „דיסטשארדזש און רעאינסטייטמענט קייסעס", „סטאפעדזשעס", „ארויס פון ביזנעס" ארגאניזירט די נייע שעפער וואס האבען זיך געעפענט, אויסגלייכונגען פון ניט גלייכער פארטיילונג פון ארבייט, און אזוי ווייטער ביז די קאלעקשאנס פאר „בעק פעי". אין דעם רעפארט — ווי אין יענעם, זעהט זיך די זעלבינע ענערגישע ארבייט לטובת דער יוניאן און די מיטגלידער פון דער יוניאן.

איין שטריך אבער, געפינען מיר אין דעם רעפארט, וואס אין יענעם רעפארט איז ניטא, — סטרייקס. ווי עס ווערט איבערגעגעבען אין דעם רעפארט, האט איצט דער אפיס פון „סקווירט און דרעס דיוויזשאן" אויף זיינע הענט 22 סינגעל סטרייקס.

דאס איז כאראקטעריסטיש פאר'ן סקווירט און דרעס טרייד. א חיבש ביסעל פון אט די שעפער וואס זיינען אין סטרייק, זיינען געווים די זאגענאנטע „קארפארריישאן" שאפעס, וועלכע זיינען באמת סקעב-נעסטען, און קענען זיי פירען די יוניאן אן א שטענדיגען קאמף. און עס פארשטייט זיך, קוים האט דער אפיס אויף זיינע הענט 22 סטרייקס, פעהלט שוין איהם קיין ארבייט נים.

אט איז דער צעטעל פון די שעפער וואס זיינען אין סטרייק:

גארפינקעל און דזשייקאבס, 10 וועסט 22טע סט.

מאקס סינעל, 158 וועסט 26טע סט.

ב. נעקריטץ, 4 וועסט 22טע סט.

אינטעראדא, 23 ריווינגטאן סט.

אלבי דרעס קא., 143 וו. 28טע סט.

פ. און ק. סקווירט הויז, 130 וועסט 24טע סט.

בען גארדאן, 22 וועסט 30טע סט.

עקספערט קאסטיום קא., 124 וועסט 18טע סט.

גאווינסקי בראס., 22 וו. 25טע סט.

סולטאן דרעס קא., 14 איסט 17טע סטריט.

סעלטצער און גאלדבערגער, 4 וועסט 22טע סט.

ב. שוסטער, 17 איסט 12טע סט.

ג. ס. און ה. סקווירט און דרעס הויז, 820 בראדוויי.

דזש. און ר. סקווירט קא., 43 וועסט 16טע סט.

מעטראפאליטאן דרעס קא., 9 וועסט 31טע סט.

טשארלס טעקסאן, 181 לודלאוו סט.

פראקין און לעבאווסקי, 44 וו. 28טע סטריט.

אפילינג דרעס הויז, אינק., 520 וו. בראדוויי.

אלעניק און מעטצנאר, 4 וועסט 22טע סטריט.

קאבלער און טידריך, 32 איסט 32טע סטריט.

פערפעקט סקווירט קא., 117 וועסט 31טע סטריט.

ל. לעווין, 236 7טע עוו.

עס וועט אפשר ניט שאדען דא צו דערמאנען, דאס קיין סקווירט אדער דרעס מאכער דארף נישט נעהן אין די שעפער פרעגען אויף ארבייט, אזוי לאנג ווי די דאזיגע שעפער זיינען אין סטרייק.

פאר „בעק פעי" איז דורך דעם אפיס אין די זעקס וואכען צייט קאלעקטירט געווארען 94.47 דאלאר.

וועגען רובין'ס רעפארט — נעקסטע וואך.

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט-רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

שווארץ און קא. באלאנס, דורך סעם שניידער, טשערמאן	3.67
הימארק דרעס קא., 252 וו. 29טע סט., דורך ד. וויינבערג, טש.	50.00
וויליאם בלום און קא., 38 א. 30טע סט., דורך אקערמאן, טשערמאן:	
ל. וויינער	2.80
מ. ראשוואלד	2.45
ה. שאמראט	2.45
פ. יאנגמאן	2.45
דזש. פרעילינג	2.70
ס. אקערמאן	2.45
ר. פלאטקין	2.70
א. רודערמאן	2.75
א. פריענד	2.80
מ. פריענד	2.80
מעיער	2.00
דזשייקאבס	2.00
דזש. רודין	1.96
ב. לעווים	2.00
ס. גאלדשטיין	2.10
אלעף	2.00
א. פייער	2.16
דזש. דענקער	2.20
דזשאו	2.00
ר. גודעלמאן	2.00
אגאסיא	2.20
דזש. שניידער	2.20
נ. נאטענסאן	2.00
נאכמאנאוויץ	2.00
נ. דראקער	2.20
א. שוואלד	2.00
נ. גרושקא	2.75
מרס. שווארץ	1.50
ר. שיפמאן	1.60
א. סילווער	1.50
ב. קאפס	2.00
ס. סאנדלער	2.16
ס. בארנעס	2.00
בראגערמאן	2.00
מ. ליבזער	2.00
מ. קוויאט	2.00
ש. סטראנג	2.00
דע בעללא טאני	1.90
דזש. נאפאליא	1.90
מ. אנדרעא	1.90
נ. מאנדים	1.90
ד. קארדאווא	1.90
א. פראנציסקא	1.90
ט. באצי	1.50
דע בעללא וועגזאני	1.90
בארבארא קאזשי	1.60
פיאצינא פיאטרא	1.90
קארלאטא פיאטרא	1.90
	101.08
טענענבאום און קרוטאל, 14 וו. 17טע סטריט, דורך סאלאמאן, טשערמאן	67.60
קאהען בראס., 116 א. 14טע סט., דורך דזש. שינסקי, טשערמאן	47.90
סאני מעיד דרעס קא., 48 וו. 25טע סטריט, דורך סעם ראזענבלום, טשערמאן:	
עטטי	2.50
מר. שערין	7.00
פינישער	2.00
פרעסער	4.50
דינעס	5.40
מארמער	5.85
בערקאוויץ	5.40
סווידער	5.00
העלפאנד	6.35
שניידער	5.90
דזשייקאבסאן	5.00
שעין	5.00
מארקום	5.00
פראגער	5.00
רובין	5.00
ראזענבלום	5.00
דזשאו קאהען	5.90
וועדאדסקי	5.90
ראזענבערג	6.36
דייבער	6.34
בענדזשאמין	6.30
שולמאן	6.35
א. העלפאנד	5.00
סעקלער	2.50
דינא סינג	2.70
אפעלבאום	4.50
סילווער	6.00
שפיטצער	2.00
רודערמאן	5.00
סעמועלס	2.23
באלבערט	5.40
דענסאן	4.50
מעלטצער	6.00

(נאך קוויטירונגען אויף זייט 14.)

די וואך

פון מאקס ד. דעניש.

דער אייזענבאן סטרייק אפגעלעגט.

די וויכטיגסטע פאסירונג פון לעצטער וואך איז, נאטירליך, דאס צוריקרופען פון דעם אייזענבאהן סטרייק.

די באדינגונגען, אויף וועלכע דער סטרייק איז צוריקגערופען געווארען, זיי-נען, אין קורצען, די פאלגענדע: די פרא-גע וועגען שניידען שכירות, וואס איז גע-ווען איינע פון די וויכטיגסטע אורזאכען פון רופען דעם סטרייק, איז אפגעלייגט געווארען ביז א צאהל אנדערע פראגען וועלען באטראכט און געלייזט ווערען. דאס מיינט, אז די פראגע פון שניידען שכירות וועט נישט אויפגענומען ווערען פאר כמעט א יאהר צייט. די צווייטע וויכטיגע פראגע וועגען אנהאלטען די ביז-אהעריגע ארבייטס-באדינגונגען אויף די אייזענבאהנען, איז אויך אוועקגעשטעלט געווארען אויף דעם קאלענדאר און זי וועט אויפגענומען ווערען אין איהר רייהע.

דאך וואלט עס געווען א טעות צו דענ-קען, אז דער אייזענבאהן סטרייק איז איינ-מאל פאר אלעמאל באזייטיגט געווארען. נישט די לייט פון דער רעילוועי לייבאר באארד און נישט די קריגערישע שטימונג פון די אייזענבאהן קאמפאניעס זיינען גינסטיג פאר א דויערהאפטען שלום אויף די אייזענבאנען. אויף דעם צווייטען טאג נאכדעם ווי דער סטרייק איז צוריקגערו-פען געווארען, האבען די אייזענבאהן מע-נעדזשערס שוין ערקלערט, אז זיי וועלען פאדערען א שנעלע האנדלונג אין דער פראגע פון שניידען שכירות, און די רעיל-וועי לייבאר בארד האט באלד נאך דעם סעטלמענט ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג אז „א יוניאן וואס וועט ארויס אין סטרייק וועט אנווערען איהר רעכט און די רעכט פון איהרע מיטגלידער צו אלע עקזיסטי-רענדע קאנטראקטען און וועט נישט זיין בארעכטיגט צו קיינע פון די בענעפיטען פון דעם טראנספארטיישאן אקט." מיט אנדערע ווערטער, די אייזענבאהן יוניאנס טארען נישט סטרייקען אהן דער ערלוי-בעניש פון דער רעילוועי לייבאר באארד.

די נאכוועהעניש פון דער לאגע האט פרעזידענט גאמפערס כאראקטעריזירט אין אן אינטערוויו אויף אזא אופן:

„מ'האט דעם אייזענבאהן ארבייטער געסטראשעט, אז ס'וועט געשעהען שרעק-ליכע זאכען אויב ער וועט נישט פאלגען דעם אוקאז פון דער אדמיניסטראציע. די קארטען זיינען געווען פאראויס אויסגע-לייגט געגען די ארבייטער און מ'האט זיי געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען דורך סטראשונקעס פון געריכט-פראצעסען און טורמע-פארמינגען. דער מאן אין דער באארד, וואס האט כלומר'שט פארטרא-טען די ארבייטער און די אזוי גערופענע פארטרעטער פון „די פאבליק" האבען גע-שטימט מיט דער מאיאריטעט געגען די ארבייטער.

„די באאמטע פון די בראדערהודס האבען צוריקגערופען דעם סטרייק. ער וועט ניט פארקומען איצטער".

די מיינערס יוניאן אויסער געזעץ.

איינגעאירענדיג א געזעץ, וואס דער קאנגרעס האט געפאסט, האט ריכטער אנ-דערסאן פון אינדיאנאפאליס לעצטע וואך ארויסגעגעבען אן אינדזשאנקשאן געגען דער מיינערס יוניאן, וואס פארבאט איהר צו יוניאניזירען די מינגא קויל-פעלדער אין וועסט ווירדזשיניא.

אט דאס איז א דויערהאפטע און פאל-שטענדיגע לייזונג פון דעם בירגער-קריג אין וועסט ווירדזשיניא פון דעם שטאנד-פונקט פון די קויל-מאגנאטען. ריכטער אנדערסאן איז אן אויטאריטעט איבער ברעכען סטרייקס דורך אינדזשאנקשאנס. דאס האט ער אין 1914 געצוואונגען די מיינערס דורך אן אינדזשאנקשאן אויפצו-געבען דעם גרויסען קוילען-סטרייק.

דער געלערענטער ריכטער האט ארויס-געגעבען דעם אינדזשאנקשאן אויף דעם סמך פון זיין מיינונג, אז די יוניאנס אין מינגא געגענד פירען זיך אויף געגען דער אנטי-טראסט געזעץ! דער קלייטאן גע-זעץ פון 1914 האט אויסדריקליך ער-קלערט, אז די ארבייטער יוניאנס פאלען ניט אונטער די פארשריפטען פון דעם שערמאן אנטי-טראסט געזעץ, און אויב דער דאזיגער געזעץ איז נאך אלץ גיל-טיג, איז עס, נאטירליך, ניט אומגעזעצליך צו ארגאניזירען די מיינערס אין מינגא קאונטי אדער אנדערש וואו.

אנדערסאנ'ס אוקאז האט, נאטירליך, ניט די מינדעסטע געזעצליכע באגרינדונג. ס'איז א הפקר אקט, וואס שטעלט פאק-טיש די מיינערס יוניאן אויסער'ן געזעץ און פארווערט יעדען פארזוך מצד די אר-בייטער צו ארגאניזירען זייערע כוחות. ס'איז א מורא'דיגער קלאפ פאר דער גאנ-צער ארבייטער באוועגונג פון לאנד, און די ארגאניזירטע ארבייטער וועלען מיט א פארכאפטען אטעם נאכפאלגען די שריט פון פרעזידענט לואיס פון די מיינערס אין דעם קאמף געגען דעם דאזיגען איני-דזשאנקשאן.

דער מילך סטרייק אין ניו יארק.

דער ערווארטעטער צוזאמענשטויס צווישען די 18 טויזענט ארבייטער אין דער מילך אינדוסטריע פון ניו יארק און אומגעגענט און די גרויסע מילך טראסטס איז פארגעקומען. דינסטאג זיינען די מילך-ארבייטער ארויס אין סטרייק און צעהן מיליאן מענשען זיינען געבליבען אהן מילך.

דער סטרייק וועט געוויס פארשאפען פיל ליידען. די ארבייטער זיינען ארויס אין סטרייק פאר א גערעכטער פאדערונג און זיי וועלען זייער פאדערונג געווינען, אויב זיי וועלען האבען דעם ווילען צו סטרייקען לאנג גענוג.

זייער ארבייט איז א שווערע — נאכט ארבייט — און באצאלט זיך זעהר שלעכט.

אויב מען האט געדארפט האבען נאך א באווייז, אז די מילך אינדוסטריע מוז איבערגענומען ווערען פון דער שטאדט, איז דער איצטיגער סטרייק אזא באווייז. די אויפגאבע פון באזארגען די שטאדט מיט מילך, וואס איז די לעבענס נויטווענדיג-קייט פון הונדערטער טויזענטער קינדער, טאר ניט ליגען אין די הענט פון עטליכע מאנאפאליעס, נאר מוז אנגעפירט ווערען דורך דער שטאדט גופא. בלויז דאן קאן מען זיין זיכער, אז די ארבייטער וועלען באהאנדעלט ווערען פיל-וויינ'ג אנשטענ-דיג און ס'וועט ניט קומען צו אזא לאגע ווי די איצטערדיגע.

וועט מען צולאזען לי און קעסידי?

לעצטע וואך זיינען פארגעקומען איי-ניגע אינטערעסאנטע אנטוויקלונגען אי-בער דער פראגע וועגען צולאזען אלדזשער-נאן לי און קעסידי אין דער באארד אף אלדערמען. זיי זיינען ערוועהלט געווארען פאר צוויי יאהרען אויפ'ן סאציאליסטי-שען טיקעט און זיינען באשווינדעלט גע-ווארען ביים צעהלען די שטימען. צוויי יאהר האבען זיי געפירט דעם קאמף פאר ווידער איבערצעהלען די שטימען און זיי האבען דעם קאמף געוואונען. לויט אלע פונקטען פון געזעץ איז עס איצטער בא-וויזען געווארען, אז זיי זיינען די געזעצ-ליך ערוועהלטע אלדערמען פון זייערע דיסטריקטען.

דער הומאר פון דער סיטואציע ליגט דערין וואס די פאליטישענס פון ביידע פארטייען לויפען איצטער ארום ווי פאר-סמ'טע מייז און זוכען זיך צו באפרייען פון דער פאראנטווארטליכקייט פאר דעם באטרוג צום צארישען פארציהען פון דעם „ריקאונט".

קוירען, דער רעפובליקאנער קאנדי-דאט פאר מעיאר, האט אויפגעפאדערט מעיאר היילען צו רופען אן עקסטרא סע-שאן פון דעם באָרד אוו אלדערמאן און צווינגען די עלעקשאן קאמיטע צו באריכ-טען וועגען דער קיים פון די צוויי בא-שווינדעלטע אלדערמען. מעיאר היילען האט געענטפערט, אז ער האט דאס שוין געטאן אהן קויראנ'ס עצה און אז קו-מענדען דינסטאג וועט דער באארד אוו אלדערמען האבען א ספעציעלע זיצונג. פונדעסטוועגען זיינען מיר נישט גאנץ זיכער, אז מען וועט נישט געפינען נאך עפעס א שפיצעל דורך וועלכען די צוויי ערוועהלטע סאציאליסטען וועלען נישט צוגעלאזט ווערען צו זייערע עמטער. נאך אלעמען הארט עס קוירענען אין דער לינקער פיאטע צי מען וועט די צוויי סא-ציאליסטען צולאזען צי נים. און פון די טאמאני פאליטישענס איז דאך שוין אפ-גערעדט. אין דער לעצטער מינוט וועלען ביידע פאליטישע קליקעס מסתמא געפו-נען א וועג ווי אזוי נישט צוצולאזען די צוויי געזעצליך-ערוועהלטע אלדערמען און פארבלייבען „לייטישע מענשען" צו דער זעלבער צייט.

די „אומאפהענגיגע" געווינען אין נארטה דאקאטא

פון די הויכע טורעמס פון וואל סט. קלינגען די גלעקער און זאגען אן די פרעה-ליכע בשורה: „די „אומאפהענגיגע" הא-בען געוואונען אין נארט דאקאטא".

דורך אלערליי קונצען און מאכינא-ציעס, דורך „פיקסען" די „ריקאל-ליס-טען" און דורך א שטראם פון פראפאגאנ-דע איבער'ן גאנצען לאנד, האט זיך די פינאנציעלע קעניגע איינגעגעבען ארויס-צורייסען נארט דאקאטא פון דער נאן-פארטיזאן ליג פאר דער איבערגעבליבע-נער טייל פון דעם גאווערנאר-טערמין.

אויב די צייטונגס-באריכטען זיינען ריכטיג — און מיר זיינען גענייגט זיי אנצונעמען מיט „א קאפעטשקע זאלץ" — האט די קאמבינאציע פון תבואה ספעקו-לאנטען, באנקירען און הונגעריגע פאלי-טישענס, אונטער דער פיהרערשאפט און באוועלונג פון וואל סטריט, „צוריקגע-וואונגען" נארט דאקאטא מיט א מאיא-ריטעט פון 6 טויזענט שטימען. און די שרייענדע קעפלאך פון די צייטונגען דער-צעהלען אונז, אז דער „סאציאליזם" איז ווידער צעשמעטערט געווארען אין דער נארד-וועסט און אזוינע פארברעכערישע אונטערנעמונגען ווי א סטייט באנק און תבואה עלעווייטארען אונטער דער פאר-וואלטונג פון סטייט, און נאך אזעלכע „סאציאליסטישע שוידערליכקייטען" ווע-לען פארזאגט און פארטריבען ווערען פון נארט דאקאטא.

עס קוקט אויס אז די פארמערס פון נארט דאקאטא האבען געליטען א צייט-ווייליגען ריקשטויס. די מורא'דיגע אטא-קע פון קאנצענטרירטען קאפיטאל איז גע-ווען צו שטארק, אז די פארמערס פון יענעם סטייט זאלען זי קאנען ווידער-שטעהן. אבער די פארמער באוועגונג אין יענער געגענד האט א געזונטען בא-דען אונטער די פיס; די פארמער זיינען איצט נישט וועניגער ווי פריהער אנט-שלאסען צו קעמפען געגען די „וועלף" און אנדערע בלוטדורשטיגע חיות פון וואל סטרים. די פאסירונג אין נארט דאקאטא איז בלויז א צייטווייליגער ריקשטויס.

די קלאוקמאכער וועלען ענטפערען די מאנופעק-טשורערס דורך א רעפערענדום וואוט

(שלוס פון זייט 1)

פון אונזער אינטערנעשאנאל, די בעאמ-טע פון דזשאינט באארד און אלע לא-קאל מענעדזשערס.

דעם מיטינג האט איינגערופען פרע-זידענט שלעזינגער, גלייך נאכדעם ווי עס איז באקאנט געווארען דורך דער פרעס דער „אוקאז" פון דער „פראטעקטיוו אסא-סיאיישאן" פאר'ן 14טען נאוועמבער. און די באשלוסען פון אט דעם מיטינג זיינען געבראכט געווארען אלס רעקאמענדא-ציעס צום דזשאינט באארד.

די רעקאמענדאציעס לויטען:

1) „אז עס זאל גערופען ווערען אין דער אינדוסטריע א דזשענעראל סטרייק כדי דערמיט אפצושלאגען די האלטונג פון די מאנופעקטשורערס, וואס איז אונגע-רעכט, ברוטאל און דורך און דורך ניט יושר'דיג."

2) „אז דער דזשאינט באארד זאל גלייך די גאנצע פראגע איבערגעבען צו א רעפערענדום וואוט פאר אלע מיטגלי-דער."

3) „דער דזשאינט באארד און אלע לאקאל עקזעקוטיוו באארדס זאלען גלייך אנהויבען צונויפצושטעלען א דזשענעראל סטרייק קאמיטע. אזוי, אז די גאנצע ארגאניזאציאנס מאשינערי זאל זיין פאל-שטענדיג צוגעגרייט ווען דער מאמענט פון קאמף וועט קומען."

4) „אז דער דזשאינט באארד זאל גע-בען אויטאריטעט זיינע בעאמטע צו רו-פען שאפ מיטינגען, שאפ טשערליים בא-ראטונגען און אלע אנדערע מיטינגען וועל-כע קענען זיין נויטיג פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער און די יוניאן."

5) „צו רופען אלע מעמבערס אין דער יוניאן, אז זיי זאלען איצט וואס גיכער אפצאהלען זייערע שולדען צו דער יו-ניאן — פאר דעם מיליאן דאלאר פאנד, וואס איז דער סטרייק-פאנד פון דער יו-ניאן און אויך דן דיוס."

די אלע רעקאמענדיישאנס זיינען אנ-גענומען געווארען איינשטימיג.

ברודער פיינבערג, דער דזשענעראל מענעדזשער פון דזשאינט באארד, גיט דאן אפ א באריכט פון דער „דזשאינט קאמישאן", און דער טשערמאן, ברודער פינקאווסקי, פאדערט אויף פרעזידענט שלעזינגער צו אדרעסירען דעם דזשאינט באארד. און אט איז בלויז א קורצער אויסצוג פון זיין רעדע.

ברודער שלעזינגער רעדט זעהר איינ-דרוקספול און טאקטיש. „אפיציעל — זאגט ער — האט די פראטעקטיוו אסא-סיאיישאן" אונז נאר ניט געלאזט וויסען. דער אפמאך צווישען די יוניאן און דער אסאסיאיישאן האט געדארפט זיין אין קראפט ביז דעם 1טען נאוועמבער, און דעמאלט האט געזאלט זיין א מיטינג פון דער „דזשאינט קאמישאן" אין דער איני-דוסטריע, וואו מען האט געזאלט רעדען וועגען א ווייטערען אפמאך. דערוויילע, — רעדט ער ווייטער, האט די אסאסאיי-שאן אונז צו קיין מיטינג ניט גערופען. אויב עס איז אמת די באריכטען אין דער פרעס, האבען זיי שוין געמאכט א זעהר שלעכטען באשלוס, וואס עס מיינט קריג. טו אויב זיי ווילען קריג וועלען זיי עס האבען! מיר וועלען זיי געבען אזא פייט, אז זיי וועלען אונז הא-בען צו בעדענקען!"

זיין רעדע ווערט באגלייט פון א שטורם'דיגען אפלאז.

און אין זעלבען זין און גייסט רעדען אויך די אנדערע רעדנער, סעקרעטער באר-ראף, רעדאקטאר ש. יאנאווסקי און 1טער וויס-פרעזידענט מארים זיגמאן. אלע רעדנער ווערען ווארים באגריסט.

דאס ווארט באקומט אויך ברודער ב. שעהן, דער מענעדזשער פון לאקאל 1. ער רעדט מיט ענטוזיאזם. די באלעבאטים, — זאגט ער — גיבען אנצוהערענישען אין דער פרעס, אז ביי די קלאוקמאכער הערשט ניט קיין איינינקייט. זאלען זיי בעסער די נארישקייט זיך ארויסשלאגען פון די קעפ. מיר האבען אפשר, איבער געוויסע פראגען מיינונגס-פארשידענהיי-טען, אבער דאס איז נאר צווישען זיך. אלע מיינונגס-פארשידענהייטען פאלען באלד אוועק, ווען עס האלט ביי א צוזא-מענשטויס מיט די באלעבאטים!

און ער פארזיכערט, דאס די מיטגלי-דער פון לאקאל 1 וועלען, אויב עס וועט מוזען קומען צו א קאמף, זיין אין די ערש-טע רייהע טרענטשעס, ווי זיי זיינען עס געווען אין די פריהערדיגע סטרייקס פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

אין זעלביגען זין רעדט אויך א דער-לעגאט פון לאקאל 9 און א דעלעגאט פון דער ריפער מאכער יוניאן, לאקאל 17.

העכסט כאראקטעריסטיש זיינען די פאר הארציגע ווערטער פון דעם לאקאל 17 דעלעגאט.

„איך האלט — זאגט ער — פאר נוי-טיג צו דערקלערען, דאס וועהרענד לא-קאל 17 איז געווען קעגען וואך-ארבייט אין דער צייט ווען עס איז אין דער יוניאן אנגעגאנגען אן אגיטאציע דעם וואך-סיס-טעם איינצופיהרען, איז אבער היינט לא-קאל 17 באגייסטערט פאר וואך-ארבייט, און די לאקאל 17 מיטגלידער וועלען זיין די איבערגעבענסטע קעמפער אין דעם בע-פארשטעהענדען סטרייק."

קורץ, עס איז געווען א מערקווירדי-גער מיטינג! פול מיט באגייסטערונג און ענטשלאסענקייט ערפאלגרייך צוריק-צושטויסען די אטאקעס פון די באלעבא-טים, צו די מינוט ווען דער קאמף וועט מוזען גערופען ווערען.

איין באשלוס פון דזשאינט באארד מיטינג ווערט שוין גלייך דורכגעפיהרט. בעת די צייטונג געהט צום דרוק, מיט-וואך אוונט, ווערט אין קופער יוניאן אפגעהאלטען א מיטינג פון די שאפ-טשערלייטע פון אלע קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער. דער מיטינג ווערט אדרע-סירט פון פרעזידענט שלעזינגער, סעקרע-טער באראף, ש. יאנאווסקי און פיינבערג, לאנגער און קאפלאוויטש, די הויפט בע-אמטע פון דזשאינט באארד.

נאך צוויי וואכען צו דעם ער-עפענונגס-פייער פון ארביי-טער אוניווערזיטעט.

לכבוד די ערעפנונג פון אונזערע ארבייטער אוניווערזיטעט, פריי-טאג אוונט, 18טען נאוועמבער, וועט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער קאנ-צערט. פראמינענטע רעדנער וועלען ביי דער געלעגענהייט האלטען קורצע, אינטערעסאנטע רעדעס. דאס וועט זיין אין אודיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג היי-סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט.

באזארגט זיך באלד מיט טיקעטס. די טיקעטס זיינען פריי, צו באקומען און אלע אפיסעס פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 45. New York, Friday, November 4, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103 Act of October 3, 1917, authorised on January 25, 1919.

דער ערשטער קאנפערענץ פון דער קליוולאנד׳ער יוניאן מיט דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן

פון טשארלס קריינדלער.

עס איז שוין באקאנט צו די לעזער פון די „גערעכטיגקייט", אז דער קאנ־פערענץ מיט אונזערע מאנופעקטשורערס האט געדארפט געהאלטען ווערען דאנער־שטאג, דעם 27טען אקטאבער. אלזא, דער קאנפערענץ איז געהאלטען געווא־ען צו דער באשטימטער צייט און וועגען דעם וועל איך באריכטען צו די לעזער פון די „גערעכטיגקייט".

דאנערשטאג אויפדערנאכט, ארום האלב נאך זיבען, אין לאבי פון האטעל סטעטלער, זיינען געשטאנען צוזאמען א גרופע פון 14 מענשען. דאס זיינען גע־ווען די פארטרעטער פון די קליוולאנדער קלאוקמאכער. באלד אזי צו זיין צוגע־קומען נאך א גרופע פון מענשען, דאס זיינען געווען די פארטרעטער פון די מאנופעקטשורערס און אלע צוזאמען זיי־נען ארייננעגאנגען אין צימער וואו די קאנפערענץ איז געהאלטען געווארען.

די ערשטע זאך, וואס עס האט זיך געווארפען אין די אויגען איז געווען, וואס צווישען די מאנופעקטשורערס זיי־נען פאראן אזעלכע, וועלכע האבען ביז איצט קיין גרויסע ראלע אין דער אסס׳ן ניט געשפילט, און די אלע זיינען ניט קיין גרויסע יוניאן־פריינד. מען מעג זאגען, אז זיי וואלטען גערן געוואלט זעהן די יוניאן אויף דער צווייטער זייט קליוו־לאנד... אם׳, עס זיינען אויך געקומען אונזערע אלט־באקאנטע „פריינד", ווי בלעק סאנשיין און נאך אזעלכע, דאך, קוקענדיג אויף די נייע פארטרעטער פון די מאנופעקטשורערס פיהלט איהר, אז קיין פרעהליכע נייעס האבען זיי אונז ניט מיטצוטיילען. קורץ, מען באשליסט אז בלעק זאל זיין טשערמאן און מען טרעט צו צו דער קאנפערענץ.

דער ערשטער איז מר. באטלער, דער לייבאר מענעדזשער פון דער אסס׳ן. ער האלט צוויי פאפירען אין ביידע הענט און לייענט. אין צימער איז קאלט און שטיל. באטלער רעדט, דאכט זיך, שטיל, פון דעסטוועגען גרילצט עס אין די אויע־רען, און ער לעזט א גאנצען צעטעל פון „אויסבעסערונגען", ווי זיי רופען עס, צום אגרימענט. באטלער זאגט: „מיר זיי־נען רעדי צו רעקאמענדירען צו די מא־נופעקטשורערס צו מאכען מיט אייך אן אגרימענט, אויב איהר וועט איינשטימען אז דער מאנופעקטשורער זאל האבען דאס פולע רעכט צו דיסטשארדזשען אן אר־בייטער." „אלע פראגען, וועלכע דארפען באשלאסען ווערע, זאלען נאר זיין אין בא־צוג דער אינדוסטריע אין קליוולאנד און ניט אין זינען האבען קיין אנדערן מאר־קעט". „דער אגרימענט זאל נאר גיל־טען פאר קליוולאנד, דאס הייסט, אז די מאנופעקטשורערס זאלען מעגען עפענען שעפער אין קליינע שטעדטלעך און ניט זיין פאראנטווארטליך צו דער יוניאן." „די יוניאן זאל ניט האבען קיין רעכט צו פארלאנגען אז ארבייטער, וועלכע צאהלען ניט קיין דיוס, אסעסמענטס אדער פיינס, זאלען אוועקגעשיקט ווערען, ווייל, ווי איהר פארשטעהט, דאס איז ניט אמערי־קאניש".

און ער לעזט אלץ ווייטער: „די גאראנטיע, וועלכע מיר האבען יעצט זאל אפגעשאפט ווערען. אן ארביי־טער זאל דארפען ארבייטער זעקס וואכען אין א שאפ, ביז ער זאל אנערקענט ווע־רען אלס שטענדיגער ארבייטער פון דעם שאפ". ביז יעצט איז געווען 2 וואכען די פראבע־צייט.

אט אזעלכע „פארערונגען" האבען דאס די מאנופעקטשורערס צו אונז ארויס־געשטעלט. לויט דעם זייגער, האט באט־לער לאנג ניט גערעדט. נאר מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז ער רעדט שוין זעהר א לאנגע צייט און אין צימער איז גאנץ קיל, שטיל און ניט היימלעך...

נאר אט האט ער שוין געענדיגט, און אונזער פערלשטיין נעמט ארויס פון קע־שענע א בינטעל פאפירען און זאגט צו די מאנופעקטשורערס: „ווי עס זעהט אויס, זייט איהר געקומען אהער מיט דער מיינונג, מיט אונז זיך גאנץ שטארק צו רינגען און איהר דענקט, אז וואס מעהר איהר וועט פארלאנגען, אלץ מעהר וועט איהר קריגען. מיר, די פארטרעטער פון די ארבייטער, זיינען שוין ניט אזוי. מיר האבען אויסגעארבייט די אמענד־מענדס צום יעצטיגען אגרימענט, וועלכע זיינען אבסאלוט נויטיג. און מיר פאר־לאנגען:

1) אז די ארביטריישאן מאשינערי זאל געענדערט ווערען אזוי אז די ארביי־טער זאלען האבען דירעקטע פארטרעטער אין דער באארד און ארביטריישאן.

2) אז דער באצאהלטער אפיס פון אומפארטייאישען טשערמאן זאל אפגע־שאפט ווערען כדי מען זאל סייווען געלט.

3) די ארבייטער זאלען קריגען די־זעלבע ווידזשעס וואס אין 1920. ד. ה., אז די 13 פראצענט, וועלכע זיינען רע־דוצירט געווארען אין 1921 זאלען צו־ריקגעגעבען ווערען.

4) פרויען זאלען קריגען די זעלבע פרייזען ווי מענער פאר דיזעלבע ארבייט.

5) פרעפערענשעל יוניאן שאפ.

6) אלע קאנטראקטארס און סוב־קאנ־טראקטארס אין קליוולאנד און אין אהייא סטייט, וועלכע מאכען אדער פארקויפען ארבייט צו די קליוולאנדער מאנופעק־טשורערס, זאלען האבען אגרימענטס מיט דער יוניאן און צאהלען דיזעלבע ווי־דזשעס ווי די אינסייד שעפער. קיין אר־בייט זאל ניט געגעבען ווערען צו קאר־פאריישאן שאפס און צו קאנטראקטארס, וועלכע האבען ווייניגער ווי 8 מאשינען.

7) פארלייטע זאלען ניט ארבייטען אין סלעק סיזאן. און אויב זיי ארבייטען זאלען זיי זיין אפגעליינט גלייך מיט אלע אנדערע ארבייטער.

8) אין פאל פון א ריארגאניזיישאן זאל די יוניאן האבען א רעכט צו באשלי־סען וועלכע ארבייטער עס זאלען אוועק־געהן און וועלכע זאלען בלייבען ארביי־טען.

9) קאטערס זאלען ניט אפגעליינט ווערען אין מיטען דער וואך. ווען זיי קומען אריין צו דער ארבייט מאנטאג זא־לען זיי קריגען באצאהלט פאר א גאנצער וואך."

פערלשטיין ערקלערט יעדען פונקט באזונדער. ער רעדט שטיל אבער זיכער און איך פיהל אביסעל בעסער.

נאך איהם רעדט קאהן, פון קאהן־גוד־מאן. דער דערצעהלט אונז, ווי פיל געלט די מאנופעקטשורערס האבען פארלארען. ווען מען זאל אריינקומען אין זייערע אפי־סעס וואלט מען געזעהן די „ארימקייט", און נאך אזעלכע זאכען. און אויב מיר ווילען האבען אן אגרימענט מיט די מא־נופעקטשורערס זאלען מיר אננעהמען אלע פונקטען פארגעשלאגען ביי זיי, אויב ניט — — —

ברודער לעווין, איינער פון אונזער קאמיטע רעדט און דערצעהלט ווי שלעכט אונזערע ארבייטער עקזיסטירען, ווי שווער עס איז צו מאכען א לעבען, און מר. קאהן ענטפערט איהם ווייטער, אז די מאנופעקטשורערס זיינען „זעהר ארים" און דאס בעסטע וואס מען דארף טאן איז צו „ראטעווען די אינדוסטריע", און אנ־צונעהמען זייערע פאדערונגען, אויב ניט, האבען מיר ניט „קיין טשענס" צו האבען אן אגרימענט מיט זיי...

דאן שטעלט זיך ווידער אוועק פע־רלשטיין און פאנגט אן צו ריידען זעהר קלארע ווערטער. אויב איהר דענקט, זאגט ער, אז מיר ווילען מיט אייך האבען אן אגרימענט לשם אגרימענט, מאכט איהר א טעות. מיר ווילען האבען גוטע ארבייטס קאנדישאנס! און אויב מיר קענען דאס ניט קריגען וועלען מיר מיט אייך קיין אגרימענט ניט מאכען.

ברודער פערלשטיין רעדט יעצט גאנץ קלאר און דייטליך. ער רעדט נאך אמאל ארום יעדען פארלאנג אונזערען און ער־קלערט, ווי לעכעליך עס זיינען די פאדע־רונגען פון די מאנופעקטשורערס. רייי־דענדיג וועגען דעם פונקט וואס די מאנו־פעקטשורערס ווילען ניט אוועקשיקען קיין ארבייטער, וועלכע צאהלען ניט קיין דיוס אסעסמענטס אדער פיינס, זאגט ער: „מיר דארפען אייך ניט, אז איהר זאלט אונז העלפען אין דעם. מיר קענען דאס אליין דורכפיהרען. אלעס וואס מיר ווי־לען איז, אז די ארבייטער זאלען האבען דאס רעכט ניט צו ארבייטען מיט איינעם, וועלכער פאלגט ניט אויס די רולס פון דער יוניאן. דאס אלעס.

יעצט איז עפעס אין צימער ווארי־מער געווארען. איך פיהל ווי יעדער איי־נער פון אונזער קאמיטע איז מוטיגער גע־ווארען. יעדער איינער שטימט איין מיט יעדען ווארט, וועלכען פערלשטיין רעדט. און ער רעדט לאנג און איהר זעהט אז א צאהל מאנופעקטשורערס פאנגען אן צו פיהלען, אז מיר האבען דאך גערעכטע אר־גומענטען.

און אזוי דיסקוטירט מען ביז אזייגער עלף און מען באשליסט, אז ביידע גרופען זאלען אויסנעהמען באזונדער די פארשי־דענע פארשלעגע און ביים נעקסטען מי־טינג ווייטער דיסקוטירען.

ווי איהר זעהט, איז די לאגע זעהר און אנגעצווינגען. די ארבייטער זייען ענטשלאסען, ערשטענס, אז קיינע פון די פאדערונגען פון די מאנופעקטשורערס זאלען ניט נאכגעגעבען ווערען, און אז די פאדערונגען וועלכע מיר האבען ארויס־געשטעלט מוזען מיר קריגען, אום דער אג־רימענט זאל קענען ארבייטען. און מיר ברייטען זיך פאר פאר אלעמען. אונזערע מעמבערס צאהלען דעם אסעסמענט. איך בין זיכער, אז ווען ניט דער שלעכטער סיזאן וואלט דער אסעסמענט שוין געווען איינעקאלעקטעט. נאר אזוי ווי דער סי־זאן איז זעהר א שלעכטער האט מען זיך אביסעל פארשפעטיגט. אבער יעצט צאהלט מען אפ. יעדער אקטיווער מעמ־בער טוט זיין בעסט צו העלפען איינקא־לעקטען דעם אסעסמענט אזוי שנעל ווי מעגליך.

* * *

א דזשענעראל מעמבער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען פרייטאג אווענט, דעם 11טען נאוועמבער אין אינדזשעניערס האל, וואו א פולער רעפארט פון די פאר־האנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס וועט אפגעגעבען ווערען און אונזערע מעמבערס וועלען באשליסען וואס ווייי־טער צו טאן.

וועגען דעם אלגעמיינעם לעבען אין אונזער יוניאן וועל איך שרייבען דעם נעקסטען מאל.

עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25

א מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון די ליידיס ווייסטמאכערס יוניאן, לא־קאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען דעם 25טען אקטאבער, 1921, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון מרים לעווין.

סילי עפשטיין, פון דעם הארלעמער בראנטש ווערט אויפגענומען אלס מיט־גליד פון דער עקזעקוטיוו באארד.

עס ווערט אויפגענומען א צושריפט פון דער רענד סקול אין וועלכען עס ווערט געמאלדען וועגען דעם ניי־יאהר באל וואס די סקול פאראנשטאלטעט. עס ווערט באשלאסען אריינצוגעבען א אדווערטייז־מענט אין דעם זשורנאל וועלכען די רענד סקול גיט ארויס ספעציעל צו דיזער געלע־גענהייט.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון דעם „עמעס", א וועכענטליכער אר־בייטער ארגאן, אין וועלכען עס ווערט גע־מאלדען אז פון דעם ערשטען יאנואר, 1922, וועט דיזע צייטונג ערשיינען טעג־ליך אנשטאט וועכענטליך, און אז דארום ווערט איינבארופען א קאנפערענץ פון אלע אידישע יוניאנס און ראדיקאלע אר־גאניזאציעס אויף דעם 13טען יאנואר 1922, אום צו בעראטען זיך וועגען פלע־נער ווי צו פארזיכערען דעם עקזיסטענץ פון דיזער צייטונג. דיזער צושריפט ווערט גוטגעהייסען און עס ווערען ער־וויילט צוויי דעלעגאטען צו דעם באטרע־פענדען קאנפערענץ.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון די „פרענדס אוו סאוויעט ראשיא", אין וועלכען אונזער יוניאן ווערט אויפ־געפאדערט זיך אנצושליסען אן דיזער קערפערשאפט, און זיי מיטהעלפען אין זייער הילפס־ארבייט פאר די הונגער־ליי־דענדע פון רוסלאנד. עס ווערט באשלא־סען זיך אנצושליסען אן דיזער קערפער־שאפט, און אויך אז א פארטרעטער צו דיזער קערפערשאפט זאל ערוועהלט ווע־רען ביי אונזער אלגעמיינעם מעמבערס מיטינג.

נאך א צושריפט פון דער זעלבער קערפערשאפט מעלדעט אז זיי האבען בא־שטימט דעם 12טען און 13טען נאוועמ־בער אלס „טעג דעים" און זיי פאדערען אויף אונזער יוניאן צו שאפען א צאל וואלונטירען צו באטייליגען זיך אין די־זער ארבייט. אויך דיזער צושריפט ווערט גוטגעהייסען און מרים לעווין ווערט בא־שטימט איבערצונעמען די אויפגאבע פון שאפען די וואלונטירען און אויך אנצו־פירען די הילפס־ארבייט.

דער סעקרעטער לייענט פאר א בא־ריכט פון דעם ברוקלינער בראנטש מי־טינג וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 13טען אקטאבער, און ער מערקט אויך אן דערביי אז די דאון־טאון און בראנקס בראנטשעס האבען ניט אפגע־האלטען קיינע מיטינגען, וועלכעס מיינט, אז די גרעסטע בראנטשעס פון אונזער יוניאן האבען ניט אויסגעדריקט זייער ווילען איבער דער פראגע וועגען צוריק ארייננעמען אונזערע אויסגעשלאסענע מיטגלידער אין דער יוניאן און אנדערע וויכטיגע ענינים. עס ווערט דארום בא־שלאסען אז אלע וויכטיגע פונקטען וואס האבען בעדארפט באשטימט ווערען ביי די בראנטש מיטינגען זאלען ווערען אויפ־גענומען ביי דעם קומענדען אלגעמיינעם מעמבערס מיטינג וואס וועט אפגעהאל־טען ווערען דעם 27טען אקטאבער, און דארטען זאל אלעס באשלאסען ווערען.

וועגען לאקאל 58 באריכטעט דער סעקרעטער אז נאכדעם ווי ער האט גע־לאזען וויסען די מיטגלידער פון דיזען לאקאל אז מיר האבען באשלאסען ארייני־צונעמען זיי אלס א בראנטש אין אונזער יוניאן און צו באצאהלען זייערע חובות, האט לאקאל 58 אונז געענטפערט, אז זיי האבען באשלאסען ניט אנצושליסען זיך אן אונזער יוניאן אלס א בראנטש און אנשטאט דעם צו עפענען א אייגענעם אפיס און בלייבען א זעלבסטשטענדיגער לאקאל. די עקזעקוטיוו באארד, אויסהע־רענדיג דעם סעקרעטער׳ס באריכט בא־שליסט צו פארווארפען די פראגע וועגען לאקאל 58.

עס ווערט אפגעגעבען א באריכט וועגען א געמיינשאפטליכער קאנפערענץ, וואס איז אפגעהאלטען געווארען צווישען קאמיטעס ערוועהלט פון די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלען 22, 25 און 60 וועגען אויסארבייטען פלענער פאר דער צוקונפטיגער פארוואלטונג פון דער יוני־טי הויז. דער באריכט און רעקאמענדא־ציעס פון דיזער קאנפערענץ ווערען גוט־געהייסען.

די באריכטען פון דעם דזשאינט באארד פון אקטאבער דעם 13טען און 19טען ווע־רען פארגעלעזען און פארהאנדעלט.

עס ווערען אויסגעהערט באריכטען פון פארשידענע קאמיטעס און דיזעלבע ווערען באטראכט און גוטגעהייסען.

צום שלוס ווערען געמאכט אראנדזש־מענטס וועגען דעם קומענדען אלגעמיי־נעם מעמבערס מיטינג וואס דארף אפגע־האלטען ווערען דעם 27טען אקטאבער, און עס ווערט אויסגעשטעלט א טאגעס־ארדנונג פאר דיזען מיטינג.

דערמיט ווערט דער מיטינג געשלא־סען.

טשארלס דזשייקאבסאן,
סעק.

דרעס מאכער, אויפמערקזאם!

יעדען מיטוואך, דאנערשטאג און פרייטאג אווענט זיצט א מיט־גליד פון דער עדיוקיישאנאל קא־מיטע אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סט., און ענט־פערט אויף אלע פראגען וואס הא־בען א שייכות מיט אונזערע יוניטי סענטערס און קלאסען.

באנוצט זיך מיט דער געלע־גענהייט.

קלוגע ווירטהינס
האלטען אימער אין הויז א באקס
עקס־לאקס!
דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע
און פארשפארט זיי דאקטאר ביללס.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

„געזונט" אווענטען אין די יוניטי סענטערס.

די פראגראם פאר די „געזונט-אווענטען" אין די יוניטי סענטערס באשטייט אין צוויי טייל: א שטונדע פאר א לעקטשור איבער א געזונט-פראגע און א צווייטע שטונדע אין גימנאסטיקס. די געזונט-אווענטען פאנגען זיך אן אין די יוניטי סענטערס די וואך.

זאלען די מיטגלידער פון אונזע"ע לאקאלס ניט פארפעלען זיך צו באנוצען מיט דער געלעגענהייט. זאלען זיי זיך איינשרייבען אין דעם נאהנסטען יוניטי סענטער פון זייער היים און אנטייל נעמען אין די גימנאסטיקס.

זייט וויסען, אז א געזונטער גייסט קאן רוהען נאר אין א געזונטען קערפער; אנטוויקעלט ביידע, דעם גייסט און דעם קערפער!

די וואך פאנגען זיך אן די „געזונט-אווענטען" אין די פאלגענדע סענטערס:

מאנטאג אווענט, אום 5.30 — אין וויסט-סאכער יוניטי סענטער, פאבליק סקול 40, 320 איסט 20טע סט.

דינסטאג אווענט, אום 8 אוהר — אין איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63, פערטע סטריט, לעבען ערשטע עוועניו.

דאנערשטאג אווענט, אום 7.30 — אין הארלעם יוניטי סענטער, פאבליק סקול 171, 103טע סטריט, לעבען 5טע עוועניו, און אין בראנזוויל יוניטי סענטער, פאבליק סקול 84, סטאון און גלענמאר עוו.

דאנערשטאג אווענט, אום 8 אוהר— אין בראנקס יוניטי סענטער, פאבליק סקול 54, פרימאן סטריט און אינטערווייל עוו.

* * *

די „ניו רעפאבליק" וועגען אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט

„קיין פארזוך צו בילדען דערוואקסענע מענשען איז ניט געווען אזוי פיל פארשפרעכענד, ווי דער וואס ווערט געמאכט דא אין לאנד מיט ארבייטער-בילדונג. מיט פינף יאר צוריק האט די באוועגונג דא פראקטיש נאך קיין באדייטונג ניט געהאט; דורך דער צייט אבער האט עס זיך אזוי פארשפרייט, דאס עס וועט שוין לאנג נישט נעמען און יעדער אינדוסטריעלער צענטער וועט האבען זיינע אייגענע קלאסען. אונטערשטיצט פון פארטרעטער פון כמעט אלע שולען פון געדאנק אין דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג, האט דיזע באוועגונג די בעסטע אויסזיכטען צו ווערען דער מיטעלפונקט, וואו עס זאל זיך אויסארבייטען די פלאטפארמען, אין וועלכע די ארבייטער באוועגונג פון אמעריקע גרינטינט זיך שטארק.

די מערסטע פון די קלאסען זיינען נאך ניט אלט גענוג אום זיך צו אנטוויקלען צו דער שטופע מען זאל שוין קאנען זעהן זייער ביינראג. די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט איז אלט בלויז פינף יאר און פאר דער קורצער צייט זעהט זיך שוין גוט אן דער פראגרעס וואס דיזע טעטיגקייט האט געמאכט.

די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, ארגאניזירט אין יאר 1917 אויף א קליינעם מאסשטאב, איז שוין איצט ברייט אנטוויקעלט. די קלאסען און קורסען וואס ווערען ארגאנסירט פאר דעם עדיוקיישאנאל סיזאן אנטהאלטען א גרעסערען אויסוואהל פון טעמאס, וועגען די סאציאלע פראבלעמען פון טאג, ווי מאנכע פון די אוניווערסיטעטען איבער סאציאלע וויסענשאפטען פון דעם לאנד. די קלאסען זיינען שוין איבערגעגאנגען די שטופע פון די עדיוקיישאנאל מאססמיטינגען צו צו בילדונג אין קליינע גרופען, וועלכע לערנען און שטודירען ערנסטע פראגען, און די סטודענטען ווערען באזארגט מיט אלעם נויטיגען פאר'ן שטודיום. די קלאסען ווערען אלץ מעהר די צענטערען פון אלגעמיינע דיסקוסיעס איידער לעקטשור האלס. דער סטאף פון לערער ווערט אלץ בעסער און די קלאסען אנטוויקלען זיך אלץ מעהר און מעהר. די סקעפטיקער צו דער באוועגונג, אין יוניאן און פון דרויסען, וועלכע זיינען געקומען אין בארירונג מיט דער ארבייט, מיט דאס לערנען אין די קלאסען זיינען גיך געווארען אנהענגער פון דער אונטערנעמונג. און דער פאקט איז, דאס דער ערפאלג פון די קלאסען פון די לידיס גארמענט ווארקערס האט געמאכט, דאס דיזע אונטערנעמונג איז איצט מעהר ווי א לאקאלע וויכטיגקייט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער יוניאן טראגט אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט פון פינאנצען אין דעם פעלד און ער געניסט אויך די בענעפיטס פון א פינאנער. נייע, אנדערע ארגאניזאציעס נעמען זיך פאר דערזעלביגער טעטיגקייט אומעדום איבער'ן לאנד, און זיי געניסען די ערפאהרונג פון די לידיס גארמענט ווארקערס אויף דעם געביט, און זיי קאנען איצטער בויען זייער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט אויף דעם פעסטען פונדאמענט פון די אויפטואונגען."

די מיינונג פון די „ניו רעפאבליק" איבער אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט איז געווים פון גרוים באדייטונג. דאס ווייזט ווי מען רעכענט זיך מיט אונזער ארבייט אויף דעם געביט, אין די קרייזען פון די אינטעלעקטועלע אמעריקאנער, אין די קרייזען פון דער ערנסטער זשורנאליסטיק. דאס דארף אונז געבען נייעם מוט די טעטיגקייט ווייטער און ברייטער אויסצושפרייטען.

* * *

היי-סקול קלאס אין ענגליש אין דעם איסט-סייד יוניטי סענטער

די סטודענטען וואס האבען זיך פארשריבען פאר דעם היי-סקול קלאס אין ענגליש, אין דעם איסט-סייד יוניטי סענטער, ווי אויך די וואס ווילען זיך נאך פארשרייבען, זאלען וויסען, אז דער קלאס איז שוין אפען. דאס איז אין פאבליק סקול 63, 4טע סט., לעבען 1טע עוועניו. ניו.

וועגען דעם קלאס איז געווען א שטיקעל מיספארשטענדניס, צוליב דעם לעהרער פון דעם קלאס. איצטער וועט דער קלאס זיין אונטער א נייעם לעהרער און ער וועט געגעבען ווערען דעם גאנצען סיזאן. דער נייער לעהרער איז מר. זעלבסטיין, אן ערפאהרענער היי-סקול לעהרער, און איז זעהר פאראינטערעסירט מיט אונזער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט.

אלע וואס האבען זיך איינגעשריבען אין דעם קלאס זיינען געבעטען צו קומען דעם מאנטאג אווענט אין דעם איסט סייד יוניטי סענטער.

* * *

מען קאן זיך נאך איינשרייבען אין די יוניטי סענטערס

אין די יוניטי סענטערס ווערען איצט פארמירט קלאסען אין ענגליש, פון אנפאנגער ביז היי-סקול ענגליש. די מיטגלידער וואס ווילען זיך איינשרייבען אין קלאסען קאנען דאס טאן אין די יוניטי סענטערס, אדער אין אפיס פון זייער לאקאל יוניאן. מען קאן זיך אויך איינשרייבען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער.

א חוץ די קלאסען אין ענגליש אין יוניטי סענטערס ווערען דארט געגעבען די פאלגענדע קורסען:

1. די געשיכטע און די פראבלעמען פון דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, אין ענגלאנד און נאך אנדערע אייראפעאישע לענדער.
2. עקאנאמיקס און ארבייטער פראבלעמען.
3. עקאנאמישע פראבלעמען פון די ארבייטער.
4. ווי מענשען מאכען א לעבען.
5. סאציאלע אנווענדונג פון דער פסיכאלאגיע.

איין אווענט א וואך ווערט אפגעגעבען פאר „געזונט-אווענטען", וועגען וועלכע מיר האבען שוין פריהער געשריבען.

אונזערע מיטגלידער קאנען זיך אנשליסען אין אירגענד וועלכען פון די קלאסען.

* * *

„הייק" פון איסט סייד יוניטי סענטער

די סטודענטען פון איסט סייד יוניטי סענטער וועלען האבען א „הייק" זונטאג פריה, דעם 6טען נאוועמבער. מען וועט זיך צוזאמענקומען ביי דער סקול בילדינג אין דער 4טער סט., 10 א זייגער אין דערפריה, און פון דארטען וועט זיך אנפאנגען די רייזע.

מר. פערי שניידער, איינער פון אונזערע לעהרער אין דעם סענטער, וועט אנפיהרען דעם „הייק", און ער וועט שוין זעהען, אז דער טאג זאל פארבראכט ווערען אויף אן אינטערעסאנטען אופן.

* * *

א נייער יוניטי סענטער אין וויליאמסבורג.

אונזער וויליאמסבורג יוניטי סענטער עפענט זיך דיזען מאנטאג, דעם 7טען נאוועמבער, 7.45 אווענט, אין פאבליק סקול 147, מעקיבען און בושוויק עוועניו, ברוקלין.

א פארטרעטער פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט וועט דארט אנוועזענד זיין און וועט ארגאניזירען די קלאסען. אויך די וואס ווילען זיך אנשליסען אן דעם יוניטי סענטער און האבען פאראויס געמאכט אנדערע אראנזשמענטס פאר מאנטאג אווענט קאנען זיי קומען די אנדערע אווענטען.

אין דיזען סענטער ווי אין די אנדערע יוניטי סענטערס פון דער אינטערנעשאנאל, וועט אויסער ענגליש אויך געגעבען ווערען א קורס איבער דער געשיכטע און פראבלעמען פון דער ארבייטער באוועגונג.

צוויי מיטינגען פון עקז. באארד, לאקאל 60

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד דרעס און ווייסט פרעסער יוניאן לאקאל 60 איז אפגעהאלטען געווארען אקטאבער דעם 20טען און 25טען, 1921. ברודער רייף טשערמאן.

די פראטאקאלען פון דעם רעגולער און ספעציעלען מיטינג ווערען פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון סעק-טרעזש. פון דזשאינט באארד, אין וועלכען ער ציהט די אויפמערקזאמקייט פון דער באארד צו דער ענדערונג אין די מינוטס פון דזשאינט באארד אין בעצוג צום בעשלוס פון בר. סטוירען פון לאקאל 10, וועלכער ווערט גוטגעהייסען.

די עלעקשאן קאמיטע ברענגט אריין איהר באריכט פון די עלעקשאנס פאר מענעדזשער, וועלכע זיינען אפגעהאלטען געווארען אקטאבער דעם 19טען. דער וואוט איז געווען רעפיר און ראנגען. עס זיינען אפגעגעבען געווארען 65 שטימען פאר דעם קאנדידאט און 76 דאגעגען, וואס עס צייגט אז דער קאנדידאט איז נידערגעשטימט געווארען: נאכדעם ווי די עקזעקוטיוו באארד האט דיזען באריכט דיסקוטירט איז געמאכט געווארען א פארשלאג, אז די עקזעקוטיוו באארד זאל מאכען נאמינישאנס און אפאינטען א מענעדזשער, וועלכער זאל גלייך פארנעמען דיזען אפיס.

נאכדעם ווי דיזער פארשלאג ווערט דיסקוטירט ווערט באשלאסען, אז נעמענדיג אין אנבאטראכט דעם צושטאנד פון טרייד אין דיזען מאמענט, און אז די ביזנעס אין אפיס ווערט פארנאכלעסיגט, ווייל עס איז ניטא קיין מענעדזשער; דארום באשליסט די עקז. באארד איינשטימיג אנצונעמען דיזען פארשלאג, אז די עקז. באארד זאל אליין נאמינירען און אפאינטען א פאסענדען מענשען פאר'ן אמט.

עס ווערען פארגענומען נאמינישאנס און בר. נ. שעכטער ווערט איינשטימיג נאמינירט: און נאך דעם ווי בר. נ. שעכטער נעמט אן די נאמינישאן מאכט ער אין קורצען א סטייטמענט וועגען דעם צושטאנד פון טרייד, און וואס ער ערווארטעט פון דער עקז. באארד. ער ווערט דאן איינשטימיג ערוועהלט אלס מענעדזשער פון לאקאל.

עס ווערט געמאכט א פארשלאג אז א ספעשעל מעמבער מיטינג זאל גערופען ווערען פאר נאוועמבער דעם 3טען וואו דיזע אפאינטמענט זאל גוטגעהייסען ווערען. דערמיט ווערט דער מיטינג געשלאסען.

א צווייטער מיטינג ווערט אפגעהאלטען אקטאבער דעם 25טען, בר. רייף אלס טשערמאן.

דער פראטאקאל פון לעצטען מיטינג גוט-געהייסען. עס ערשיינט א קאמיטע פון דער קאלווין דרעס קא., 15 וועסט 27טע סט. און זיי מאכען אן אפיל פאר זייערן א מעמבער פון שאפ, בר. יוסף מאט, א פרעסער, וועלכער איז ביי דער גריוועגס קאמיטע געפונען געווארען שולדיג אין סאב-קאנטראקטינג, און איז פאראורדערט געווארען צו פארלאזען דעם שאפ: נאכדעם ווי די עקז. הערט אוים די קאמיטע און דעם באריכט פון דער גריוועגס באארד, ווערט באשלאסען גוט-צוהייסען דעם באשלוס פון דער גריוועגס באארד.

עס ווערט פארגעלעזען א בריוו פון בר. בארעוו, גענ. סעק. פון דער אינטערנעשאנאל, אין וועלכען ער אפעלירט צו דער עקז. באארד דאס זיי זאלען לייכטער מאכען די צאהלונגען צו בר. ראטמאן, וועלכער איז באשטראפט געווארען פון דער גריוועגס באארד מיט $99.99. די עקז. באארד באשליסט דיזען פארלאנג איבערצוגעבען צו דעם מענעדזשער צו האנדלען אין איינקלאנג מיט דיזען פארלאנג.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון דעם „עמעס" אין וועלכען זיי לאדען איין די עקז. באארד צו שיקען דעלעגאטען צו א קאנפערענץ, פאררופען פאר דעם צוועק צו מאכען דעם „עמעס" פאר א טעגליכע ציימונג. די עקז. באארד באשליסט ניט נעמען קיין איינטייל אין דיזען קאנפערענץ.

עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון דער קאנפערענץ-קאמיטע פון די לאקאלס 22, 25, און 60, אין וועלכען זיי באריכטען, דאס זיי האבען אפגעהאלטען א מיטינג און באשלאסען צו אויפפאדערען די דזשאינט באארד צוריק אומצוקעהרען די יוניטי הויז צו די לאקאלס, וועלכע זיינען די יעניגע, וועלכע האבען געמאכט די אינוועסטמענטס. נעמליך, די לאקאלס 22, 25 און 60, אויפ'ן גרונד, דאס די באארד האט ניט באוויזען דאס אלע לאקאלס וועלכע זיינען אנגעשלאסען אין איהר זאלען ווערען מעמבערס פון דער יוניטי הויז. דיזער באריכט ווערט דיסקוטירט און גוט-געהייסען.

עס ווערען אויפגענומען צוויי דזשאינט באארד באריכטען, פון אקטאבער 13טען און 19טען. נאכדעם ווי זיי ווערען פארגעלעזען און דיסקוטירט ווערט באשלאסען גוט-צוהייסען די פאלגענדע רעקאמענדיישאנס:

1) דאס די קאמיטע צו פארוואלטען די יוניטי הויז זאל באשטעהן פון דעלעגאטען, וועלכע קומען פון לאקאלס וועלכע זיינען אנגעשלאסען אין דער יוניטי הויז;

2) דאס די פראגע וועגען אמענדירען די קאנסטיטוציע פון דזשאינט באארד, וועלכע איז איבערגעגעבען געווארען צו די לאקאלע עקז. באארדס און וועלכער די עקז. באארדס זיינען געווען גלייך צוטיילט, זאל איבערגעגעבען ווערען צו די לאקאלע מעמבער-מיטינגען צום אפשטימען. דערמיט האט זיך דער מיטינג געשלאסען.

מ. שעכטער, טעמ.-סעק.

ערעפנונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט, 18 נאוועמבער

פרייטאג אווענט, דעם 18טען נאוועמבער, וועט געפייערט ווערען די עפענונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט, אין אדיטאריום פון וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סט.

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט און עס וועלען געהאלטען ווערען באלעהררענדע רעדעס. געניערעס וועגען דעם שפעטער.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטאף רעפארטער.

דער „אוקאז" פון דער „פראטעקטיוו" וועגען איינפיהרען שטיק־ארבייט. — די ענטריסטונג וואס דאס האט ארויסגערופען אין דער פרעס. — די עצות פון די ניו יארק „טיימס". — קען מען זיך אין גאנצען פארלאזען אויף דער „עפענטליכער מיינונג"? — א פארשעמיגטע תפילה פון די פילאדעלפיער וויסט און דרעס־מאנופעקטשורערס.

דער אוקאז פון איהר „מאיעסטעט" די „פראטעקטיוו אסאן", אז „בים פאסע־מו", — דעם 14טען נאוועמבער „מוז" צוריק איינגעפיהרט ווערען אין קלאוק טרייד שטיק־ארבייט, קלענערע שכירות און א לענגערע ארבייטס־וואך, האט אויפגערודערט די גאנצע פרעסע. די מעהרסטע צייטונגען, און די וואס פאר־שטעהען וואס עס טוט זיך אויף דער אי־דישער גאס, האבען אויפגענומען דעם „אוקאז" פון דער פראטעקטיוו אסס'ן מיט ענטריסטונג. ווארים די צייטונגען ווייסען, אז איינפיהרען אין קלאוק טרייד צוריק שטיק־ארבייט, מיינט באמת, זיך צוריק אומקעהרען צו דער אמאליגער באנדעל־שקלאפעריי, צו דעם גרעסטען איבעל וואס די קלאוקמאכער יוניאן האט באזייטיגט אין פארלויף פון איהר עקזיס־טענץ. אין די צייטונגען ווערט אנגע־וויזען ווי פרעך די מאנופעקטשורערס האבען דעם „אוקאז" ארויסגעגעבען, זיך דערביי גארניט רעכענענדיג מיט'ן צווייטען צד אין דער אינדוסטריע, מיט די ארבייטער, און די קלאוקמאכער ווערען אויפגעפאדערט דעם „אוקאז" פון די בא־לעבאטים צוריק צוווייזען.

דער „פארווערטס", אין א עדיטאר־יאל דעם 27טען אקטאבער, דריקט אויס די מיינונג, אז אהן א קאמף וועט מען זיך איצט ניט אויסדרעהען. צווישען אנ־דערעס ווערט אין דעם עדיטאריאל גע־זאגט: —

„... די קלאוק מאנופעקטשורערס ווילען זיך באנוצען מיט דער אונגינס־טיגער לאגע אין לאנד, מיט דער רע־אקציע אין לאנד, מיט דעם יוניאן־קריזיס אין לאנד. אין אלע אינדוס־טריען הערען זיי האט מען געשניטען ווידזשעס. אומעטום, ווייסען זיי, אז די בעלי בתים פארמעסטען זיך מיט די ארבייטער צו צוברעכען זיי־ערע ארגאניזאציעס, טראכטען זיי, פארוואס זאלען מיר ניט פראבירען אויך דאס זעלבע?" אבער, אין דעם מאמענט פארגעסען זיי אז זיי האבען שוין א סך פראבעס געמאכט די קלאוק מאכערס יוניאן צו צוברעכען און זיי איז דאס ניט געלונגען, און זיי פאר־געסען אויך אז דער קלאוק טרייד איז ארומגערינגעלט פון גאנץ אנדערע אומשטענדען ווי אנדערע טריידס און אנדערע אינדוסטריען. אבער דא איז ניט די פראגע צו איבערצייגען די בעלי בתים. די קלאוקס בעלי בתים זיינען ווייזט אויס „צוהיצט", זיינען געווארען „באגייסטערט" פאר א קאמף."

„... די ארבייטער דארפען אבער געדענקען, אז די אומשטענדען אונטער וועלכע זייער איצטיגער קאמף וועט זיך אנפאנגען, זיינען גאנץ אנדערע, ווי די אומשטענדען אונטער וועלכע ס'זיינען געווען זייערע אמאליגע קאמ־פע. אין יעדען גרויסען קלאוק מאכער קאמף איז אלע מאל געווען עטוואס נייעס פארוואס דער קאמף איז גע־פיהרט געווארען און וואס האט אין דער זעלבער צייט אויפגערודערט די גאנצע עפענטליכע מיינונג. דער גאר גרויסער קאמף אין יאהר 1910, איז געווען א קאמף פאר איינפאכע מענש־ליכע באהאנדלונג אין דער אינדוס־טריע. עס איז דאן געווען א קאמף אפצושאפען די ערגסטע פארמען פון שקלאפעריי אין דער אינדוסטריע. עס איז געווען א קאמף, אז ארבייטער זאלען האבען א רעכט צו בילאנגען צו א יוניאן. דער צווייטער קאמף, אין יאהר 1916, איז געווען אן ענט־פער אויף א לאקאוט, וואס די באלע־באטים האבען דאן געמאכט נאך דעם ווי זיי האבען געוואלט האבען דאס רעכט צו דיסטשארדזשען ארבייטער און די יוניאן האט זיי דאס ענטזאגט. עס איז אלזא געווען א קאמף פאר א גרויסען ארבייטער פרינציפ. דאס דריטע מאל אין יאהר 1919 איז גע־ווען א קאמף פאר אריינברענגען ארד־נונג אין דער אינדוסטריע; פאר אפ־שאפען שטיק ארבייט, א סיסטעם, אונטער וועלכע די ארבייטער זיינען געווען שקלאפען צו „באנדלער". אמת, עס איז דאן געווען א שטילע־רער קאמף ווי די אלע פריהערדיגע, אבער געגען וויכטיג און היסטאריש מיט דעם, וואס עס האט פאקטיש רע־וואלוציאניזירט די גאנצע אינדוס־טריע. און ווערענד די פריהערדיגע סטרייקס האבען געהאט באזונדערע אישיוס, באזונדערע צילען, באזונדע־רע פאדערונגען, וועט דער איצטיגער גרויסער קאמף קיינע פון די באזונ־דערע צילען ניט האבען. און דאך וועט דאס האבען אלע צילען צוזאמ־מען. עס וועט ניט זיין קיין קאמף פאר הויפטזעכליך יוניאן אנערקענונג און מענשליכע ווידזשעס; עס וועט ניט זיין קיין קאמף פאר הויפטזעכ־ליך צו האבען „דאס רעכט אויף א רושאב", (נעמען דיסטשארדזש) און עס וועט אויך ניט זיין א קאמף הויפט־זעכליך פאר וואך ארבייט — עס וועט זיין א קאמף פאר אלעס צוזאמען, און אין דעם ליגט די גרויסע באדייטונג פון דעם יעצט־ערווארטעטען קאמף אין דער קלאוק אינדוסטריע."

און דער עדיטאריאל ווערט פארענ־דיגט מיט די פאלגענדע ווארימע, האר־ציגע ווערטער:

„... וויכטיגע היסטארישע טעג קומען יעצט אן אין דעם לעבען פון דער קלאוק מאכער יוניאן, אין דעם לעבען פון דער אינטערנעשאנאל און אין דעם לעבען פון אונזערע אידישע אימיגראנטען קווארטאלען. די קלאוק־מאכער וועלען אט די היסטארישע טעג באגעגנען מיט קלאפענדע הער־צער און אין דער זעלבער צייט מיט יענעם טיפען גלויבען און הייליגער באגייסטערונג וואס האט געווארימט זייערע הערצער אין אלע זייערע קאמ־פען. די ארבייטער באוועגונג און די פאלקס מאסען אין אלגעמיין וועלען נאכפאלגען די קלאוק מאכער, געהן מיט זיי, זיין מיט זיי און העלפען זיי דורכפיהרען אלע זייערע שלאכטען, וואס דער איצט ערווארטעטער קאמף קען פאראורזאכען."

* * *

אין זעלבען זין, און טאקע דעם זעל־בען טאג, האט געהאט א עדיטאריאל „די צייט". צווישען אנדערעס ווערט אין דעם עדיטאריאל אין „די צייט" געזאגט:

„...מיט איין קלאפ פארמעסטען זיך די פאבריקאנטען אי צו שניידען די שכירות, אי צו פארלענגערע דעם ארבייטס־טאג, אי אפצושאפען די וואך־ארבייט, פאר וועלכע די יוניאן האט אזוי לאנג און עקשנות'דיג גע־קעמפט. אזוי האבען זיי באשלאסען. נאטירליך, קומט אויס לויט זייער בא־הויפטונג, אז זיי האבען דערביי גאר ניט אין זינען זייערע ברייטע קעשע־נעס, נאר די אינטערעסען פונ'ם עולם. דער עולם וועט באקומען ביליגערע קליידער. דאס איז דער אומפארשעמ־טער אויסרייד פון אלע ארבייטס־גע־בער, וועלכע שניידען היינטיגע צייטען דעם ארבייטס־לוין אדער האבען חשק איהם צו שניידען. די קלאוק־מאנו־פעקטשורערס האבען אבער נאך אן אומפארשעמטערען אויסרייד: זייערע „רעפארמען", זאגען זיי, וועלען זיין א גליק אויך פאר די ארבייטער. זיי ווילען איינריידען, אז ווען די ארביי־טער וועלען ארופלאזען פון די וויי־דזשעס, וועלען זיי פארדינען מעהר, ווי איצט. זיי וועלען פארדינען מעהר, ווייל זיי וועלען ארבייטען לענגערע שטונדען און וועלען ארבייטען פון שטיק."

„... מיט פויקען און טאצען זיי־נען די מאנופעקטשורערס ארויס אין קריג. אבער זייער פריהצייטיגער טריאומפירען, פונקט ווי זייערע ער־קלעהרונגען, זיינען נעפעלשטע. זיי ווייסען, אז זיי דארפען זיך רעכענען מיט א צווייטען צד — מיט די אר־בייטער און מיט זייער יוניאן. און נאך מעהר: מיט דער גאנצער אידי־שער ארבייטערשאפט און מיט דער אידישער עפענטליכקייט, וועלכע שטיצט תמיד די גערעכטע ארביי־טער־קאמפען. זיי ווייסען עס און זיי מאכען זיך נאר הארט. זיי ווייסען, אז געגען זיי שטעהט אן אויסגעבור־בירטע אין קאמף ארבייטער־ארמיי, וואס קען קעמפען, ליידען און זיגען, זיי ווייסען עס פון ערפאהרונג.

„זיי בויען דארויף, וואס די צייט מען זיינען איצט שלעכטע, וואס אר־בייטסלאזיגקייט הערשט אין לאנד. אבער אידישע ארבייטער, און די קלאוקמאכער צווישען זיי, האבען שוין ניט איין מאל געקעמפט אונטער פיל ערגערע אומשטענדען און האבען דאך סוף כל סוף דערגרייכט די איצטיגע שטופע פון מצבם."

און אויך דער עדיטאריאל ווערט פארענדיגט מיט ווארימע ווערטער, ווי פאלגט:

„... פאראייניגט און קאמפפלוס־טיג וועלען די קלאוקמאכער באגעג־נען דעם שונא און מיט'ן באוואוסט־זיין, אז הינטער זיי שטעהט די גאנצע אידישע ארבייטער־שאפט און ניט נאר די ארבייטערשאפט אליין, וועלען זיי, ווי תמיד, וויסען ווי צו ליידען, אויב נויטיג, און זיגען אונטער אלע אומ־שטענדען."

* * *

און אין זעלבען זין זיינען ערשינען עדיטאריאלס נאך אין אנדערע צייטונ־גען.

אן אויסנאם האט נאר געמאכט די „ניו יארק טיימס". זי האט אויך גע־האט וועגען דעם אן עדיטאריאל לעצטען פרייטאג און... זי איז גאנץ צופרידען מיט'ן „אוקאז" פון די באלעבאטים. וואס איז דא פאר אן אומגליק? — פרעגט זי. זיי ווילען שטיק־ארבייט? טא איז וואס? דאס איז דאך דער „אמעריקאן פלאן." דאס מיינט דאך „פרייהייט פאר די אר־בייטער", „וויפיל איינער וויל אזוי פיל ארבייט ער"...

ווי עס שיינט, איז די „טיימס" גאר ניט באקאנט, אז וועגען אט דער מעשה, מכוח די „פרייהייט" פון שטיק־ארבייט, האבען די קלאוקמאכער פאר א לאנגע צייט דיסקוטירט און זיי זיינען ענדליך געקומען צום שלום „דאס זיי זיינען מוחל די באלעבאטים אט די „פרייהייט", אז זיי ווילען בעסער פארשקלאפט זיין פון וואך איידער פריי זיין פון שטיק.

איבערהויפט פארשטעהט ניט די „טיימס", ווארום פרעזידענט שלעזינגער איז אזוי שארף ארויסגעטראטען געגען דער איצטיגער פאדערונג פון די מאנו־פעקטשורערס. ווארום ער האט געזאגט אין זיין סטייטמענט פאר דער פרעסע, אז א צוריקקעהר צו שטיק־ארבייט אין דעם קלאוק טרייד מיינט א פארניכטונג פון אלע מענשליכע סטאנדארדס", און „א צוריקקעהר צום סוועט־שאפ". און די „טיימס" וואונדערט זיך, וואס מען רעדט גאר וועגען א גענעראל סטרייק, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא קלייניגקייט, ווי צוריקאיינפיהרען שטיק־ארבייט...

די „טיימס" רעכנט אויך, אז עס וואלט גארניט געווען קיין אומגליק די קלאוקמאכער זאלען, לטובת „דעם ווערטען פובליקום" און לטובת די „קאנ־טרי" ארבייטען פאר קלענערע שכירות און לענגערע שטונדען. נישקשה, זאגט זי, דער „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" צוזאמען מיט דער „עפענט־ליכער מיינונג" וועלען שוין אויפפאסען, די קלאוקמאכער זאלען ביי דער ארבייט ניט אוועקפאלען!...

ווי איהר זעהט, פארשטעהט נעבאך ניט דער עדיטאריאל שרייבער פון די „טיימס" די פונקציעס פונ'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל". ער פארשטעהט נעבאך ניט, אז דער „דזש. באארד אוו סאניטארי קאנטראל" האט גארנישט וואס צו זאגען אין שאפ ווע־גען לאנגע שטונדען אדער קורצע שטונ־דען: דאס ער מישט זיך ניט אין פרא־גען פון אינדוסטריעלע סכסוכים; דאס ער פאסט בלויז אויף אויף דער ריינליכ־קייט אין שאפ און ניט אויף די שטונדען וואס די בעלי מלאכות ארבייטען.

דער עדיטאריאל שרייבער פון די „טיימס" מיינט הפנים אז דער „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" האט דאקטוירים אין די קלאוק שעפער, וועלכע שטעהען לעבען די אפערייטארס און טא־פען זיי דעם דופק, און ווי נאר דער דאק־טאר זעהט אז דער אפערייטאר האט זיך א קאפעטשקע איבערגעארבייט, שיקט ער איהם אהיים זיך אויסרוהען.

כ'לעבען, מען האט געדארפט דעם עדיטאריאל שרייבער פון די „טיימס" אוועקזעצען, פאר א פאר וואכען כאטש, אין א קלאוק שאפ ארבייטען, וואלט ער שוין דעמאלט וויסען וואס איז בעסער פאר די ארבייטער, צי קורצערע שטונדען פון וואך, צי לענגערע שטונדען פון שטיק, לויט דעם באלעבאטישען באגריף פון פערזענליכער פרייהייט."

ביי דער געלעגענהייט, וועט אפשר ניט שאדען צו זאגען א ווארט וועגען דעם, וואס די „טיימס" הייסט די קלאוק־מאכער זיך פארלאזען אויף די „עפענט־ליכע מיינונג".

„פארוואס זאל די „עפענטליכע מיי־נונג" זיין בעסער צו די קלאוקמאכער ווי צו אנדערע ארבייטער? אויב די „עפענ־טליכע מיינונג" איז געגען דעם „סוועט־שאפ" און וועט איהם ניט לאזען עקזיס־טירען אין די קלאוקשעפער, טא פארוואס ארט איהר גארניט וואס דער „סוועט שאפ" עקזיסטירט נאך אין די שעפער פון די ניט ארגאניזירטע אינדוסטריען? צו דען ווייס ניט די „טיימס" אז עס זיי־נען נאך היינט דא צעהנדליגע טויזענטע קינדער שעפער און די „עפענטליכע מיי־נונג" טוט וועגען דעם אפילו קיין פיפס ניט? די „עפענטליכע מיינונג", און די „טיימס" אריינגערעכענט, ארט ניט אפילו, וואס אין די עקזיסטירענדע „סוועטשעפער" פלאגען זיך ניט בלויז דערוואקסענע מענשען נאר אויך יונגע קינדער! טא פאר וואס וועט די „עפענ־טליכע מיינונג מיטאמאל אזוי גוט ווערען צו די קלאוקמאכער?

אבער צו וואס די אלע קשיות?... די קלאוקמאכער האבען א מעכטיגע יוניאן און זיי וועלען פאלגען זייער יוניאן, ניט די עצות פון די „טיימס".

* * *

פאר דעם סטרייק פון אונזערע וויסט און דרעסמאכער אין פילאדעל־פיא, ווערט אפגעגעבען א סך פלאץ אין די פילאדעלפיער אויסגאבען פון כמעט אלע ניו יארקער טעגליכע אידישע צייטונגען. מיר וואלטען דארפען יעדע וואך פארנעהמען א פאר זייטען פון דער „גערעכטיגקייט", איבערצוגעבען כאטש א קליינעם טייל פון דעם וואס עס ווערט געשריבען וועגען דעם. דאס מאל ווע־לען מיר זיך מוזען באנוגענען מיט א „תפילה", וואס מאנכע פון די פילאדעל־פיער וויסט און דרעס מאנופעקטשר־רערס האבען דעם ראש השנה און יום כיפור געשיקט צום רבונו של עולם. די „תפילה" איז ערשינען אין דער פילא־דעלפיער אויסגאבע פון „פארווערטס", געשריבען פון אונזער מיטארבייטער י. ש. פראנקאוויץ. עס לעזט זיך ווי פאלגט:

„רבונו של עולם, דו קענסט דאך אונז, ווייסט און דרעס מאנופעקטשור־רערס; דו ווייסט דאך ווער מיר זיי־נען. ווען מיר זיינען געקומען אין אמעריקא זיינען מיר געווען ארימע לייט. דו גרויסער גאט, האסט ענד־ליך רחמנות געהאט אויף אונז, האסט צוגעזעהן אונזער צער, און דו האסט אונז געמאכט פאר מאנופעקטשורערס. מיר האבען אנפאנגס געהאט א פאר מאשינקעס אין די שעפער און די שע־פער זיינען געווען קליינע, ווי משי־קען קופס; מען האט דארטען גע־קענט דערשטיקט ווערען, אבער די ארבייטער זיינען געווען צופרידען דארטען צו ארבייטען, ווייל זיי האבען נאך דאן קיין „יוניאנס" ניט געהאט; מיר האבען דאן געקענט טאן מיט די ארבייטער וואס מיר האבען אליין גע־וואלט און דאן איז טאקע געווען גוט: מיר האבען טאקע דאן געקענט קומען צו זיך... אונזערע שעפער זיינען גע־ווארען אלץ גרעסער און גרעסער, ווייל מען האט פון די ארבייטער געקענט גע־שמאק פארדינען; זיי האבען זיך גע־לאזען שערען ווי די שעפסען, און, אזוי, א דאנק דיר, רבונו של עולם, זיינען מיר געקומען צו זיך.

„רבונו של עולם, עס איז אבער געקומען אויף אונז אן אונגליק. עס זיינען געקומען מענשען, וועלכע הא־בען די ארבייטער גאר אנגעהויבען צו לערנען שכל. זיי, אט דיזע בייזע אנשיקעניסען, האבען די ארבייטער געזאגט, אז זיי זאלען זיך ארגאניזי־רען אין יוניאנס, אז זיי זאלען זיך האלטען צוזאמען, און זיי האבען זיי דערציהלט, אז ווען מען ארבייט אין אזעלכע שעפער, ווי מיר האבען גע־האט, קריגט מען קאנסאמפשאן, און מען לעבט ניט לאנג; אט דיזע מענ־שען האבען געזאגט די ארבייטער, אז מיר ווערען רייך פון זיי, די ארבייטער, און אז מיר זיינען שלעכטע מענשען, ווייל מיר לעבען אויף דעם חשבון פון די ארבייטער. און זיי הא־בען געהייסען די ארבייטער ארויס־געהן אין סטרייק געגען אונז. זיי הא־בען אזוי לאנג גערעדט און גע'טענה'ט צו אונזערע ארבייטער, אז זיי האבען טאקע זיך אנגעהויבען צו ארגאניזי־רען אין יוניאנס און, זייט דאן זיינען מיר אויף גרויסע צרות. די ארבייטער ווילען גרעסערע ווידזשעס. זיי ווילען ארבייטען קירצערע שטונדען, און זיי ווילען ניט, מען זאל רעדען צו זיי גראב... זיי זאגען, אז זיי זיינען ניט קיין שקלאפען ביי אונז...

„וואס, רבונו של עולם, האבען מיר געזאלט טאן? מיר האבען זיי געמוזט נאכגעבען, ווייל מיר האבען זיך ניט געקענט העלפען; זיי זיינען שטארקער, ווי מיר זיינען, ווייל מיר מוזען זיי דאך האבען... אהן זיי קע־נען מיר דאך גאר ניט טאן, אהן זיי זיינען מיר דאך ווי מתים...

„איצטער, גרויסער גאט, האבען מיר געוואלט ארונטערנעמען פון זייע־רע ווידזשעס, און מיר האבען גע־וואלט איינפיהרען אונזערע שעפער, ווי אמאל, דו ווייסט דאך, קליינע שע־פער. עס וואלט אונז ניט געקאסט

(שלוס אויף זייט 13).

די פעדעראציע פון קליידער ארבייטער אין פראנקרייך

פון וואן דער היגע

(סעקרעטער פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון קליידער ארבייטער).

ווען מיר ווילען דורכשטודירען די לאגע פון דער טרייד יוניאן באוועגונג אין דער קליידער אינדוסטריע איבער דער גאנצער וועלט, וועלען מיר אויסגעפינען, אז פאקטיש האבען שוין אלע יוניאנס צוריקגעוואונען דאס, וואס זיי האבען פארלארען פאר דער צייט פון דער וועלט מלחמה, און זיי זיינען געווארען שטארקער און איינפלוסרייכער.

עס פרעהט אונז צו קאנען דערקלערען, אז ניט נאר אין אמעריקא, נאר אויך אין אייראפא האט די באוועגונג באוויזען ארויסצוקומען אומבאשעדיגט פון דער רעאקציע, וואס האט אנגעהאלטען אין די יאהרען 1920 און 1921. בלויז פון איין לאנד קומען ניט קיין פרעהליכע באריכטען. דיזעס לאנד איז פראנקרייך.

אין 1919 האט עס נאך אויסגעקוקט, אזוי ווי די טרייד יוניאן באוועגונג צווישען דרעסמייקערס און שניידער אין דער גרויסער קליידער אינדוסטריע אין דיזער גרויסער מלוכה, הויבט אן צו געהן אויף א געזיכערטען וועג. אויף דעם קאנגרעס אין ליאן, אין 1919, האט דער סעקרעטער צונעשטעלט א באריכט פון וועלכען עס האט זיך ארויסגעציינט, אז די מיטגלידער פון דער יוניאן, וואס האבען איינגעצאהלט זייערע מיטגלידס אפצאהלונגען, איז געווען 26 טויזענד, ווערהרענד די גאנצע מיטגלידערשאפט האט לויט די ביכער דערגרייכט ביז 40 טויזענד. 26 טויזענד גוטשטעהענדע מיטגלידער איז ניט זעהר פיל פאר פראנקרייך, מיט איהר ווייטפארשפרייטער קליידער אינדוסטריע. דאס האט אבער געגעבען גוטע האפנונגען פאר דער צוקונפט.

די האפנונגען זיינען אבער ניט ערפילט געווארען. זינט 1919 איז די מיטגלידערשאפט פון דער פראנצויזישער יוניאן שטענדיג געזונקען, ווי עס איז צו זעהען פון די פאלגענדע ציפער:

ערשטער האלב יאהר 1919 — 26 טויזענד גוטשטעהענדיגע מיטגלידער, מיט 139 ברענטשעס.

צווייטער האלב יאהר 1919 — 25 טויזענד מיטגלידער מיט 160 ברענטשעס.

ערשטער האלב יאהר 1920 — 21 טויזענד מיט פינף הונדערט מיטגלידער, מיט 163 ברענטשעס.

צווייטער האלב יאהר 1920 — 11 טויזענד גוטשטעהנדיגע מיטגלידער, מיט 147 ברענטשעס.

ערשטער האלב יאהר 1921 — 7 טויזענד גוטשטעהענדיגע מיטגלידער מיט 125 ברענטשעס.

די אלגעמיינע צאהל מיטגלידער וואס זיינען פארשריבען אין די ביכער ווערט געשעצט אלס 13 טויזענד מיט דריי הונדערט.

דיזער צושטאנד שטעלט מיט זיך פאר ניט קיין ערמוטיגענדע בילד.

גענאסע גאסטאן רינגענבאך, דער סעקרעטער פון דער פראנצויזישער יוניאן פון קליידער ארבייטער, גיט איבער אין זיין באריכט פון דעם 1טען יולי, 1919, ביז דעם 30־טען יוני, 1921, איינינגע אורזאכען וואס האבען געפיהרט צו דאס זינקען פון דער צאהל מיטגלידער.

ערשטענס, באציהט ער זיך אויף דער נידערלאגע, וואס די ארבייטער האבען געהאט אין דעם אלגעמיינעם סטרייק אין פראנקרייך, אין מאי, 1919. די נידערלאגע האט אריינגעטראגען צוטומלונג אין די רייהען פון די ארגאניזירטע ארבייטער. דאס זינקען פון דער צאהל מיטגלידער שרייבט ער צו אויך צו דעם, וואס עס ווערען אנגעפיהרט אזעלכע דיסקוסיעס, וואס שטעלען מיט זיך ניט פאר קיין גרויס אינטערעס פאר די גרויסע מאסען ארבייטער איגוועניג אין דער ארגאניזאציע.

ספעציעל האבען זיך אפגעשראקען פאר די ווילדע רעאקציאנערע האנדלונגען און קלאגען די פרויען.

צווייטענס, גיט גענאסע רינגענבאך אן אלס זעהר וויכטיגע אורזאכע די ווייט פארשפרייטע ארבייטסלאזיגקייט, וואס האט זיך באזונדערס שטארק געלאזט פיהלען אין דער צווייטער העלפט פון 1920 און אין 1921. א גרויסע צאהל שניידער און דרעסמייקערס האבען געארבייט בלויז פארקירצטע שטונדען צו עטליכע טעג א וואך.—עס האבען זיך געשלאסען פאבריקען, און די גוט ארגאניזירטע ארבייטסגעבער האבען זעהר אויסגענוצט די ארבייטסלאזיגקייט כדי ארונטערצודריקען די שכירות. די שטימונג צווישען די שניידער און דרעסמאכער איז געווארען אזא נעדריקטע און פאסיווע, אז א גרויסע צאהל ברענטשעס האבען זיך גענומוזט אויפלעזען.

גענאסע רינגענבאך'ס באריכט צייכענט זיך אויס מיט אפענהערציגקייט, און אין איהם ווערען ארויסגעבראכט אהן שום פארבען די שוואכע זייטען פון פראנצויזישער ארגאניזאציע. ער דענקט אז עס איז נויטיג ווידער איינצושטעלען אן ענגערע פארבינדונג צווישען דער צענטראלער עקזעקוטיווע און די ארטיגע ברענטשעס. אין דיזער ריכטונג איז שוין עטוואס אויסגעטאן געווארען דורכדעם, וואס א גרעסערע צאהל מיטגלידער פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע האבען באזוכט די ברענטשעס, און עס זיינען אפגעהאלטען געווארען דיסטריקט מיטינגס.

לויט דער דערקלערונג פון גענאסע רינגענבאך, איז נויטיג אז עס זאל אפגעשטעלט ווערען די צווייטיגקייטען אין דער יוניאן גופא. ער גיט אן אלס ביישפיל, אז דער ברענטש אין לימאזש, האט אין מאי, 1920, ארויסגעשיקט א צירקולאר צו די איבעריגע ברענטשעס, פארלאנגענדיג פון זיי אז זיי זאלען צוריקהאלטען די ביישטייערע צו דער גענעראל עקזעקוטיווע, און עס זאל געגרינדעט ווערען א נייע יוניאן.

גליקליכערווייזע איז דיזער דיסארגאניזירענדער אקט פאראורטיילט געווארען פון די אנדערע ברענטשעס, אבוואהל דער ברענטש פון סיין האט זיך שפעטער אנגעשלאסען אן דער אפאזיציע. זיי האבען געענדערט זייער מיינונג ערשט שפעטער, ווען דער געוועזענער סעקרעטער פיער דומא האט רעזיגנירט פון זיין אמט. דאס האט אבער ניט אפגעשאפט אלע שטערונגען, ווייל איינינע פאריזישער ברענטשעס האבען שפעטער אונטערגענומען אנדערע דיסארגאניזאטארישע האנדלונגען, און האבען געמאכט א פארזוך צו גרינדען אן ארגאניזאציע פון די אומצופרידענע איגוועניג, אין דער יוניאן.

ווען מען וועט אביעקטיוו באטראכטען די לאגע אין דער פראנצויזישער יוניאן, וועט זיך ארויסצייגען, אז דאס אלץ ווייטערע זינקען פון דער צאהל טרייד יוניאן מיטגלידער קאן ניט איינגאנצען צוגעשריבען ווערען דער ארבייטסלאזיגקייט. א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט אין דער קליידער אינדוסטריע האט אויך געהערשט אין אמעריקא און אין די סקאנדינאווישע לענדער. אויך אין דייטשלאנד, בעלגיען און אין אנדערע לענדער האבען די יוניאנס געהאט צו ראנגלען זיך מיט דער גרויסער ארבייטסלאזיגקייט. אויף דער צאהל טרייד יוניאן מיטגלידער אין דיזע לענדער האט דאס אבער ניט אויסגעאיבט אזא צושטערענדע ווירקונג. דאס איז ווארשיינליך א דאנק דער ווירקזאמער ארגאניזאציאנס פארמע אין דיזע לענדער. די יוניאנס אין פראנקרייך זיינען געבויט אויף א זעהר שוואכער פעדעראטיווער פארמע פון ארגאניזאציאן, צוליב וועלכען דער צוזאמענבונד צווישען דער גענעראלער עקזעקוטיווע און די ארטיגע ברענטשעס ווערט גרינג איבערגעריסען.

ווען אין א צייט פון גרויסער ארבייטסלאזיגקייט גיבען זיך אפ א צאהל מיטגלידער מיט פראגען, וואס קאנען באטראכט ווערען אלס „פראגען פון פרינציפ", און לאזען איבער אן א זייט אלעס אנדערעס מוז עס ברענגען צו שלעכטע רעזולטאטען.

מען מוז פארשטעהן, אז די גרויסע ארבייטער מאסען, און איבערהויפט די פרויען, מוזען ווערען אפגעקיהלט צו דער ארגאניזאציאן, אין וועלכער די אלטעגליכע רוטינע ארבייט פון א טרייד יוניאן ווערט פארשטעלט אין הינטערגרונט, און קריגעריי און פערזענליכקייט פארנעמט דעם אויבען־אן.

די געשיכטע פון דער פראנצויזישער יוניאן פון קליידער ארבייטער איז דיזעלביגע וואס די געשיכטע פון דער גאנצער פראנצויזישער ארבייטער באוועגונג. זייענדיג פארדארבען דורך אינערליכער אומצופרידענהייט, איז די פראנצויזישע ארבייטער באוועגונג ווי א פייער סיגנאל אויפ'ן ים פאר די טרייד יוניאנס אין אנדערע לענדער.

לעזט די נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

געוויינט זיך, צו א קוק צו טאן אויף זייט 4, יעדעס מאל ווען איהר לעזט די „גערעכטיגקייט".

אין די עדיוקיישאנאל נאטיצען וואס איהר געפינט אויף זייט 4, וועט איהר שטענדיג געפינען אזעלכע נייעס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וואס אייך אינטערעסירט צו וויסען. איהר געפינט דארט וויכטיגע נייעס פון אייער יוניאן און פון דער ארבייטער באוועגונג.

זעהט אלע מאל יענע אפטיילונג.

קוויטירונגען פון ניו יארקער וויסט און דרעס שעפער פאר סאוועט־רוסלאנד

(ווייטערע קוויטירונגען).

באזאמעלט און ארבייטער פון לאק. 66:

פ. וואלינסקי — 17.00
ק. סילווער — 7.00
נ. ריזעל — 11.00

ע. דזש. דרעס קא., 72 מעדיסאן עוו.
ע. אלפערט, טשערמאן — $15.00

ק. און ר. דרעס קא., 38 וו. 26טע סט., דזש. שאפירא, טשערמאן:

מ. האפמאן — 3.64
ס. גאלין — 4.09
ע. שאפירא — 4.50
ת. גאלדבערג — 4.08
ס. דארטשוק — 4.10
י. צימערמאן — 3.20
דזש. פיונאק — 2.50
ב. בראשין — 2.00
פרעסער — 4.08
י. האפמאן — 3.64
דזש. שאפירא — 4.29
ז. פלאטצקי — 4.35
ס. לערנער — 4.07
ס. טריף — 3.20
בעקער — 3.63
א. גאפליעב — 2.00
ה. אפעל — 5.48
62.85

מאנהעטען וויסט קא., 97 מערסער סט., ע. לאנדאו, טשערמאן:

א. פערסילי — 2.00
י. הארוויץ — 2.50
ל. קווארעל — 2.50
ל. קארבער — 2.00
ר. ראמאן — 2.50
ג. טולמאן — 2.50

א בריף אין רעדאקציע

ווערטער רעדאקטאר:

אין אייער באריכט פון דעם פערטעל יעהרליכען מיטינג פון אונזער אינטערנעשאנאל, שרייבט איהר, אז: „עס איז קלאר געווארען פון דעם רעפארט פון דזשענעראל סעקרעטאר, אז די אינטערנעשאנאל באדט זיך ניט אין געלט, און דאס עס איז נויטיג די שטרענגסטע עקאנאמיע איבערצוקומען די שלעכטע צייט."

און איך גלויב אונזער סעקרעטער, אבער מיר דאכט זיך, אז אויך אונזער דזשאינט באארד באדט זיך נאך דערווייל ניט אין געלט, און מסתמא וועט נאך אזוי זיין פאר א לאנגע צייט. און ווי אזוי קאנען מיר ערווארטען אנדערש, ווען די קוועלע פון וואנען די געלט דארף אריינקומען, איז דעם ארבייטער'ס קעשענע, וועלכע איז אזא דארע און אויסגעצעהרטע? ווי קאנען מיר ערווארטען אן איבערפלוס אין געלט, ווען דער ארבייטער קאן ערשט באצאהלען זיין דיוס נאכדעם ווי דער רויבערישער לענדלארד האט ארפגענומען זיין חלק פון זיין פיי ענוועלאפ, און די אלע איבעריגע פראפיטירער, קליין און גרויס, האבען צוגענומען זייערע חלקים? אט דארום טאקי איז נויטיג מצד אונזערע יוניאנס די גרעסטע עקאנאמיע, ניט נאר אין דער שלעכטער צייט, נאר איבערהויפט אין דער גוטער צייט. איהר ווייסט דאך מסתמא, אז אויב מען גרייט ניט אן זומער האט מען ניט ווינטער.

לייענענדיג אייער באריכט האב איך זיך דערמאנט אן זינגמאנ'ס אמאליגען פלאן, ווי אזוי אונזער דזשאינט באארד קאן סייפען עפעס ארום איין הונדערט טויזענד דאלאר א יאהר. איך געדענק ניט וואס עס זיינען געווען די אורזאכען ווארום מען האט זיך דאן ניט צוגעהערט צו איהם, און מען האט זיין פלאן פארווארפען. איך דענק אבער אז עס איז קיינמאל ניט צו שפעט אויסצופרובירען א גוטע אידעע. איין הונדערט טויזענד דאלאר א יאהר מעהר אין די טרעזשורים פון אונזערע לאקאלס קאן אונז ניט פארשאדען, און אונזערע קאמפען מיט אונזערע סוועטערס ניט אפשוואכען!

אפשר איז יעצט די צייט גינסטיג אויפצונעמען א דיסקוסיאן וועגען אט דעם פלאן? אפשר וועט יעצט געלינגען צו איבערצייגען אונזערע ביליגע לאקאל־פאטריאטען אין די נוצליכקייט פון אזא פלאן. מען דארף ניט פארגעסען אז די זיבען פעטע יאהר זיינען אוועק און אז יעצט פאנגען זיך אן די זיבען מאגערע און עס מעג אונז שוין אנשטעהן צו זיין עקאנאמיש.

און אין אלגעמיין, מוז דאס אונזער דזשאינט באארד באשטעהן דוקא פון 12־13 לאקאלס און לאקאלעך? אפשר וואלט גאר געווען ביליגער און נעווינטער צו איבערמאכען זיי אין א פינף־זעקס לאקאלס, און איינמאל פאר אלע מאל פטור ווערען פון די ווילד־פליש לאקאלען?

מ. ציגקין.

פ. אדילמאן — 2.50
א. זאברין — 4.00
א. ליווי — 2.50
מ. קארן — 2.50
ק. קאסטעלאן — 2.50
י. קאהען — 2.50
מ. אנעלפא — 2.50
פ. קווארעל — 2.50
ד. שאפא — 2.50
ג. דורמאן — 2.50
ג. עלקין — 2.50
ד. ווינדט — 3.00
א. שוגעל — 3.00
ע. ווייסמאן — 2.50
פ. דענמילא — 2.50
ע. לאנדאו — 2.50
55.50

ליווי און שאפער, 19 וו. 21טע סט., פ. קאנעל, טשערמאן:

פ. קאנעל — 2.50
א. צוקערמאן — 5.00
ר. בעלענצוועיג — 2.00
מ. פיקעל — 2.00
מ. גרינבערג — 2.50
מ. דיגנאן — 1.00
דזש. מעטין — 2.50
ב. דענטדימען — 2.50
ר. קאנעל — 2.50
ק. קאטין — 2.50
מ. סעווערינו — 2.00
ס. סאמראנו — 2.00
א. לעווין — 2.50
דזש. בלומען — 2.50
דזש. אגושעלינא — 2.50
36.50

וועל מייד דרעס קא., 26 וו. 17טע סט., דזש. בלום, טשערמאן:

דזש. בלום — 4.50
נ. גאנדעלמאן — 4.00
וו. בעקער — 3.00
פ. דזשיאוויטשי — 3.20
ק. בלאנק — 2.50
ס. דוגאן — 2.75
נ. מעלאדיא — 2.00
ס. דייוויס — 4.00
ר. סאפערשטיין — 3.00
קאלעקשאן — 1.30
דזש. סאלאמאן — 4.50
ב. קאהען — 3.00
ת. גראסמאן — 3.00
נ. ריזא — 3.00
ד. פריענד — 3.00
ע. דארין — 2.00
י. ריעף — 4.25
מ. פלעישמאן — 3.00
וועל מייד דר. קא. — 25.00
80.00

קאפלאן און בעקער, 77 א. 10טע סט., מ. שיפמאן, טשערמאן:

ס. קאמקאוויץ — 2.00
פ. פאטטי — 3.00
מר. תארים — 3.00
נ. מעלטצער — 2.00
מר. קלאסער — 4.00
מ. מאגני — 3.00
ד. הערשמאן — 2.00
א. פארמאן — 3.00
א שאפיר — 2.25
י. שווארטץ — 2.00
מ. שיפמאן — 3.00
ב. גאלד — 1.00
ב. מראל — 3.00
ד. סילווער — 2.00
38.25

ווארעם און קאסמאן, 29 א. 10טע סט., ס. ספיטצער, טשערמאן:

ד. עלקאוויץ — 3.00
ר. עלקאוויץ — 3.00
י. טענענבאום — 1.75
פ. געלער — 1.25
ר. עיזענבערג — 1.00
א. פרידמאן — 1.50
ע. בראון — 1.00
ס. באברוף — 3.00
ל. עיזען — 2.00
מ. בראשקין — 1.50
ס. ספיטצער — 1.50
ס. גראסמאן — 1.00
ק. גאלדבערג — 2.25
25.75

וויקטארי וויסט און דרעס קא., 138 גרין סטריט:

דזש. גערשעל — 3.00
מר. נאסעס — 2.00
א. פישגאלד — 3.68
ר. לעמבערסקי — 3.81
ב. רארענסקי — 2.72
ר. מאסקאוויץ — 2.72
א. בערנשטיין — 1.45
א. סאליווסקי — 1.54
דזש. ראקאווי — 3.00
ע. מושינסקי — 3.27
פ. גאלדשטיין — 3.68
ר. שולמאן — 2.71
ר. בערנשטיין — 2.72
פ. לאמאר — 2.71
ר. גאלדשטיין — 2.36

(שלוס אויף זייט 18).

קארל האפּסבורג'ס חשק און זיין דורכפאל

פון ג. טאָביאַס.

אין קיין שום צייט פון דער געשיכטע
איז ניט אזוי קלאָר געווען, וואס פאר א
קליינע ראָלע עס שפּילען די אויסערליכע
פּאָליטישע פאָרמען פון א לאַנד, ווי
איצט. אמאָל איז דאס וואָרט רעפּובליק
אליין געווען א סימבאָל פון פרייהייט, א
הייליגקייט, אין נאָמען פון וועלכער מענ-
שען האָבען זיך מקריב געווען. רעפּוב-
ליק מיינט דאך פאָלקס-הערשאַפט, און
אלס געגענזאַץ צו מאָנאַרכיע, צו דער
הערשאַפט פון איינעם, פון א „גאָט-גע-
זאַלבטען", איז דאך דאס געווים א שטאַ-
פעל העכער אין דער ענטוויקלונג פון רע-
גירונגען.

אבער מיט דער צייט ווערען ווערטער
ניט מעהר, ווי געפעסען, אין וועלכע מען
קאָן אריינגיסען פארשידענע אינהאַלטען,
און ניט זעלטען, ווען עס ווירקען שטאַרק
פאַראינטערעסירטע קרעפטען, גיסט מען
אין די ניי-אויסזעהענדיגע געפעסען דעם
אַלטען, פאַרעלטערטען אינהאַלט.

דאס ווערט אלץ געזאָגט אנטקעגען
דער געשיכטע מיט קאַרל האַפּסבורג'ען,
וועלכען עס האָט זיך נאָך אמאָל פאַר-
גלוסט צו ווערען קעניג פון אונגאַרן.
איהם איז דאס ניט געלונגען. אבער אין
זיין דורכפאַל איז זעהר נאַאיוו צו זעהן א
טריאומף פון פּראָגרעס, א טריאומף פון
דעם דעמאָקראַטישען אדער רעפּובליקאַ-
נישען פּרינציפּ. מען קאָן נאָך זעהן דע-
רין א באַווייז, אז די מעהרסטע מענשען
ווילען שוין ניט קיין מאָנאַרכיע. מען
קאָן נאָך אנווייזען אויף דער געזונטקייט
פון דעם סענטימענט ביי דער „וועלט",
וואָס רעוואָלטירט אנטקעגען דעם, אז
איין מענש זאָל געשטעלט ווערען העכער,
ווי אלע אין א לאַנד — ניט לויט זיינע
פאַרדינסטען, ניט לויט זיינע פעהיגקיי-
טען, נאָר ווייל ער איז צופעליג געבוירען
געוואָרען ביי א קעניגליכען טאַטען. מען
קאָן אין דעם זעהן א סימן, אז די אידעע
פון גלייכהייט איז שוין שטאַרק איינגע-
וואָרצעלט געוואָרען אין דעם מענשליכען
באַוואוסטזיין, און דערפון שעפּען
טרייסט און בטחון, אז מיר געהען פאָרט
פאָראויס, אז די מענשען מענשלען זיך
דאך אויס.

אבער פאַקטיש אין דעם פאַל פון אונ-
גאַרן איז דער דורכפאַל פון עקס-קייזער
קאַרל דערוייל נאָך ווייט ניט קיין זיעג
אנטקעגען דער מאָנאַרכיע. דער רע-
זשים, וואָס הערשט איצט אין אונגאַרן
און וואָס איז דער אמת'ער זיגער אין דער
גאַנצער געשיכטע, איז א סך ערגער, ווי
אן אמת'ע, גוט איינגעאָרדענטע קאָנסטי-
טוציאָנעלע מאָנאַרכיע. אונגאַרן ווערט
איצט רעגירט פון א רעגענט, דעם אדמי-
ראַל האָרטי. ער איז אריין אין מאַכט
נאָך דעם, ווי דער קאָמוניזם אונטער
בעלא קון איז צוזאַמענגעבראָכען אין
1919. ער האָט גענומען די רעגירונגס-
לייצעס אין די הענט אלס א מין אַפּעקון
פון דער מאָנאַרכיע, און זיך גלייך אנגע-
הויבען פיהרען אזוי, ווי נאָר א רוסישער
סאַמאָדערזשעץ, אדער א טערקישער
סולטאַן האָט זיך געפיהרט אין די ערגס-
טע צייטען. ער איז כמעט אן אויטאָ-
קראַט. זיין פּאָליטישער אני מאמין איז
דעספּאָטיע. זיינע געגנער האָט ער אונ-
טערדריקט מיט דער בלוטיגסטער האַנט.
ער האָט איינגעפיהרט דעם ווייסען טע-
ראָר, און זיין רעזשים האָט א רעכט צו
רופען זיך ווייס בלויז דערפאַר, וואָס ער
האָט ביז ווייסקייט אפּגעצאַפּט דאס
בלוט ביי ליבעראַלען, ארבייטער און ביי
אלע אנדערע עלעמענטען, וועלכע ער
האַלט פאַר שעדליך אדער געפעהרליך
פאַר זיך.

ווען עס איז דאָ אויסצוואָהלען
צווישען אזא רעזשים און א קאָנסטיטו-
ציאָנעל-מאָנאַרכיסטישען, מוז דער אויס-
וואָהל פאַלען אויף דעם צווייטען, ניט
אויף דעם ערשטען. ספּעציעל, ווען עס
איז וואָויל באַוואוסט, אז דער דאָזיגער
האָרטי וויל אליין צוריק איינפיהרען די
מאָנאַרכיע, אז ער האָט שטאַרק חשק
אדער זיך אליין צו קרוינען אלס אונגאַ-
רישער קעניג, אדער ווערען א שווער פון
א קעניג, דורך א שדוך צווישען זיינער א
טאָכטער מיט אן אנדער האַפּסבורג, ערץ-
הערצאָג אלבערט, וועלכער זאָל ווערען
קעניג.

פון דעם אונגאַרישען שטאַנדפּונקט
איז קלאָר, אז די פאָרם פון דעם רעזשים
שפּילט ניט קיין ראָלע. אפילו ווען אונ-
גאַרן זאָל זיך ערקלערען אלס רעפּובליק
מיט האָרטי'ן אלס פּרעזידענט, וועט די
אמת'ע לאַגע אויך ניט געביטען ווערען.
עס וועט אלץ פאַרבלייבען אן עקעלהאַפּ-
טע דעספּאָטיע.

נאָר לאָמיר נעהמען אויסערליכע,
ניט ריין-אונגאַרישע שטאַנדפּונקטען.
פראַנקרייך איז א רעפּובליק, אבער
פראַנקרייך איז די, וואָס שטיצט איצט
אם מעהרסטען האָרטי'ן און וואָס וואָלט
אין גרונד גענומען אפילו גאַרניט געהאַט
געגען דעם, אז קאַרל האַפּסבורג זאָל צו-
ריק ווערען קעניג פון אונגאַרן. אויב
האָרטי וויל עס ניט, וועט זי — פראַנק-
רייך, הייסט עס, — ניט איינרייסען קיין
וועלטען, אז דער אראָפּגעזעצטער קאַרל
זאָל דווקא איבערטראָגען אויף זיין קאָפּ
די קרוין פון דעם הייליגען סטעפאַן, —
דער טראַדיציאָנעלער סימבאָל פון די
אונגאַרישע מלכים, — אבער עס איז
איהר אלץ איינס.

אין פלוג איז עס דאך אביסעל מאָדר-
נע. אויב רעפּובליקאַניזם און מאָנאַר-
כיזם זיינען צוויי אנטקעגענגעזעצטע
פּרינציפּען, ווי קאָן א רעפּובליק זיין פאַר
א מאָנאַרכיע? איז דער ענטפער, אז
צווישען דער פראַנצויזישער רעפּובליק
און א מאָנאַרכיסטישער אונגאַרן איז דער
אונטערשיד בלויז אין נאָמען. אין תוך
זיינען זיי ביידע דיזעלבע. דאס איינענע
קאָן מען זאָגען וועגען ענגלאַנד'ס און אי-
טאַליענ'ס שטעלונג צו קאַרל'ען אדער
האָרטי'ן. אט די צוויי לענדער זיינען
דאך אליין מאָנאַרכיען. ארויסצוטרעטען
קעגען מאָנאַרכיע פּאַסט גאַרניט פאַר זיי,
און כאָטש זיי זיינען מיט זייערע קעניגען
אין א סך הינזיכטען פיעל פרייער, ווי די
פראַנצויזישע רעפּובליק, האָט זיי אויך
ווינציג וואָס געאַרט, אז א האַפּסבורג זאָל
צוריק ווערען מאָנאַרך פון אונגאַרן. אן
אונגאַרישע מאָנאַרכיע וועט אין אלע
הינזיכטען שטעהן דערפאַר, וואָס עס איז
טייער דער איצטיגער פראַנקרייך, ענג-
לאַנד און איטאַליען; געגען קאַרל'ס רע-
סטאַווראַציע, געגען זיין באַשטייגען דעם
אונגאַרישען טראָן זיינען זיי געווען צו-
ליעב אנדערע מאָטיווען, צוליעב ריין-
פּאָליטישע, צוליעב אינטערנאַציאָנאַלע.

אונגאַרן איז געווען א טייל פון דער
עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע. דער
פרידענס-אָפּמאַך נאָך דעם וועלט-קריג
האָט פון אט דער אימפּעריע געמאַכט
א תל. פון דער פריהעריגער עסטרייך
איז געבליבען בלויז א קליין לענדעל,
וואָס איז איצט א זעלבסטשטענדיגע רע-
פּובליק, מישטיינס געזאָגט.

די אנדערע טיילען פון דער אימפּעריע,
וואָס איז געווען פאַראייניגט אונטער
איין קייזער, א מאָנאַרך פון דער האַפּס-
בורג-דינאַסטיע, האָט מען צושניטען.
מען האָט פון זיי ארויסגעטיילט טשעכאָ-
סלאָוואַקיע — איצט א זעלבסטשטענדי-
גע רעפּובליק. די איבעריגע שטיקער
האָט מען אוועקגעגעבען איטאַליען, פּוי-
לען, רומעניען און יוגאָ-סלאַוויע. אין
לאָנדאָן, פּאַריז און רוים האָט מען מורא
געהאַט, אז אויב קאַרל האַפּסבורג, דער
געוועזענער עסטרייך-אונגאַרישער קיי-
זער, וועט ווערען צוריק אונגאַרישער קע-
ניג, וועט ער זוכען מיט אלע כחות צוריק-
צוגעווינען זיינע פריהעריגע טעריטאָרי-
עס און דערמיט פאַרניכטען דעם פרי-
דענס אָפּמאַך. דאַן וועלען שוין ליידען
די אינטערעסען פון די עליים אויך. דאַן
וועט בכלל באַשאַפען ווערען נייע אורזא-
כען פאַר קריגערייען און מלחמות. דער-
פאַר זיינען זיי געווען געגען קאַרל'ס רע-
סטאַווראַציע.

אבער אם שטאַרקסטען געגען זיי זיי-
נען איינענטליך ניט די גרויסע עליים,
נאָר די קליינע, די לענדער, וואָס זיינען
געבוירען אדער שטאַרק פאַרגרעסערט
געוואָרען דורך דעם צוזאַמענבראָכען פון
דער עסטרייך-אונגאַרישער אימפּעריע.
דריי פון אט די לענדער: טשעכאָ-סלאָ-
וואַקיע, יוגאָסלאַוויע און רומעניען האָ-
בען א בונד, דעם אזוי גערופענעם „קליי-
נעם אנטאַנט" און פאַר זיי איז די רע-
סטאַווראַציע פון א האַפּסבורג געווען אן
אמת'ע, גרויסע סכנה. זיי האָבען דאס
באַשלאָסען אום קיין פּרייז ניט צו דערי-
לאָזען, אז קאַרל זאָל ווידער ווערען קע-
ניג, זיי זיינען אויך אין הארצען געגען
האָרטי'ן. ווייל נאָך אלעמען וויל האָרטי
אויך דאָסזעלבע, וואָס קאַרל וואָלט גע-
וואָלט. אלס רעאַקציאָנער און אימפּע-
ריאַליסט וועט האָרטי ניט זיין רוהיג כל
זמן ער וועט ניט מאַכען א פאַרזוך אָפּ-
צונעהמען די שטיקער לאַנד, וואָס מען
האָט צוגענומען ביי אונגאַרן. ווייס מען
דאס אין די דריי דערמאָנטע לענדער און
מען איז שטענדיג אויף דער וואַך. דער-
פאַר איז מען דאָרט אזוי שטרענג, דער-
פאַר האָבען זיי צוגעשטעלט דער האָרטי-
רעגירונג אן אולטימאַטום, אז מען זאָל
זיי ארויסגעבען קאַרל'ען. אויב א מאָנאַר-
כיע וועט סוף כל סוף ניט איינגעשטעלט
ווערען אין בודאַפּעסט, וועט עס טאַקע
זיין הויפּטזעכליך א דאַנק דער געגנער-
שאַפט פון אט די דריי קליינע מלוכות.

אבער עס איז קלאָהר, אז דאס איז
ניט דערפאַר, ווייל זיי זיינען אין פּרינ-
ציפּ געגען מאָנאַרכיע. זיי קאָנען ניט
זיין, שוין צוליעב דעם, וואָס צוויי פון
די דריי פון דעם „קליינעם אנטאַנט" זיי-
נען אליין מאָנאַרכיען: יוגאָסלאַוויע און
רומעניע. די לעצטע איז גאַנץ רעאַק-
ציאָנער, און צו האַלטען זי פאַר אן אנ-
הענגערין פון רעפּובליקאַניזם איז ניט
מעהר, ווי א וויץ.

אלע דריי וועלען אפשר צווינגען אונ-
גאַרן צו ווערען א רעפּובליק צוליעב ריין
עגאָאיסטישע, פּאָליטישע צוועקען. יע-
דער אונגאַרישער מאָנאַרך וועט וועלען
אָפּנעהמען דאס פאַרלוירענע, ווייל יע-
דער מאָנאַרך וועט זיך שטיצען הויפּט-
זעכליך אויף די רעאַקציאָנערע עלעמענ-
טען פון דעם לאַנד: די אדעליגע, די
פּריצים, די גרויסע פאַבריקאַנטען. די
דאָזיגע עלעמענטען האָבען זעהר א סך
פאַרלוירען פון דער חלוקה, וואָס מען
האָט געמאַכט מיט זייער לאַנד. א מאָ-
נאַרכיע וועט דאַריבער זיין א קוואַל פון
שטענדיגער אומרוהע און מורא פאַר
טשעכאָ-סלאָוואַקיע, רומעניען און יוגאָ-
סלאַוויע.

א רעפּובליק, דאַגעגען, קאָן געגרינ-
דעט ווערען אין אונגאַרן בלויז ווען די
ליבעראַלע, פּראָגרעסיווע עלעמענטען ווע-
לען דאָרט זיגען. דאס איז ביי דער איצ-
טיגער לאַגע נאָך זעהר א ווייטער חלום,
אבער אין די דריי לענדער ווייס מען,
אז בלויז דאַן וועלען זיי קאָנען זיין רו-
היג. ווייל די פּראָגרעסיווע עלעמענטען,
וואָס קאָנען קומען אהער פון די פּשוט'ע
פּויערים אדער פון דער קליינבירגערלי-
כער שטאָדטישער סביבה, וועלען ניט
זוכען קיין עראָבערונגען, וועלען זיין צו-
פרידען, ווען מען וועט זיי לאָזען צו-
רוה.

אין אייראָפּא הערשען איצט ניט קיין
פּרינציפּען. עס הערשען אינטערעסען.
רעפּובליק, מאָנאַרכיע זיינען בלויז ווער-
טער. ווי די אינטערעסען פאָרמירען זיך
אין דעם געגעבענעם מאָמענט — פאַר
דעם שטעהט מען. דער „קליינער אנ-
טאַנט" איז געגען מאָנאַרכיע בלויז ווייל
זיינע אינטערעסען זיינען געגען דעם,
אבער צו דער מאָנאַרכיע פאַר זיך אליין
האָט מען אויך אין פּראַג, בעלגראַד אדער
בוכאַרעסט ניט קיין באַזונדערע שנאה.

וואָרען פון די מאַנופאַקטשורערס, דורך זייער ערקלערונג אין דער פּרעסע, אז
די ארבייטער אליין ווילען שטיק-ארבייט, לענגערע שטונדען און א פאַרקלע-
נערונג פון זייערע וויידזשעס. זיי וועלען דורך זייער וואָוט קלאָר מאַכען,
אז עס איז ניט פּרעזידענט שלעזינגער אדער אן אנדערער, וואָס רופט זיי צו
סטרייקען, און ווען זיי מוזען פאָלגען, און אויך איז עס ניט זייער אייגענער
ווילען צו סטרייקען, נאָר עס זיינען די מאַנופאַקטשורערס, וועלכע דורך
זייערע אונגערעכטע פאָדערונגען, דורך זייערע געמיינע טריקס, דורך זייער
וואָרטברעכעריי, טרייבען זיי צום קאַמף.

דאס אלעס וועלען אונזערע ארבייטער, אונזערע יוניאָן-לייט געוויס אין
זינען האָבען, ווען זיי וועלען וואָוטען פאַר אדער געגען א סטרייק. מיר וואָל-
טען אבער געוואָלט, אז די ארבייטער זאָלען נאָך עטוואָס האָבען אין זינען
פאַר דעם, איידער זיי באַשטימען זייער שיקזאַל און דעם שיקזאַל פון זייער
יוניאָן דורך זייער וואָוט.

צוערשט מוזען זיי בשום אופן זיך ניט פאָרשטעלען דעם קומענדען
סטרייק, אלס א שפּילכעל. ער וועט געוויס זיין דער ביטערסטער קאַמף, וואָס
די קלאָוקמאַכער האָבען ווען געהאַט. איינריידען זיך, אז דער סטרייק וועט
לייכט געוואונען ווערען, טאָרען ניט די ארבייטער. אלע סמנים, ווי אויך
אלע אומשטענדען ריידען שטאַרק געגען אזא השערה. די ארבייטער דאַר-
פען דארום פון אָנפאַנג אָן באַשליסען, אז וועלכע קערפּערליכע און גייסטיגע
ליידען דער קאַמף זאָל מיט זיך ניט ברענגען, אז ווי לאַנג ער זאָל ניט געדויע-
רען, אבער אנטלויפען פון שלאַכט-פעלד וועלען זיי ניט.

די ארבייטער מוזען וויסען, אז די מאַנופאַקטשורערס האָבען אין זייערע
הענט דריי טרומפען, מיט וועלכע זיי רעכענען צו געווינען זייער געמיינעם
שפּיל. זייער ערשטער טרומף איז דאס, וואָס דער לעצטער סיזאָן איז געווען
א זעהר שלעכטער, דאס דער שרעקליכער סלעק האָט שוין פילע פון די אר-
בייטער אויסגעמאַטערט, אזוי, דאס זיי וועלען ניט זיין אין שטאַנד אויסצוהאַל-
טען נאָך פילע וואָכען, און אפשר, מאָנאַטען, פון הונגער און נויט.

דאס איז א גרויסער טרומף. מען דאַרף זיך ניט נאַרען. געגען דעם
טרומף איז דאָ נאָר איין גרעסערער טרומף, און דאס איז די פעסטע, איי-
זערנע ענטשלאָסענהייט פון די ארבייטער צו קעמפען אין צו איבערטראָגען
אלעס, מעג עס זיין דאס ערגסטע, ביז צום ענדליכען גרויסען זיג.

מיר דענקען ניט, אז עס וועט קומען אזוי ווייט. מיר האָפען, אז דער
העלדישער קאַמף פון אונזערע ארבייטער וועט ריהרען די הארץ פון דער
וועלט, און זי וועט ניט ערלויבען, אז אונזערע ארבייטער זאָלען מוזען אויס-
טרינקען דעם בעכער פון די שרעקליכע צרות און ליידען ביז'ן דעק. אבער
עס איז פון דעסטוועגען גלייכער זיך צו ריכטען אויף דאס ערגסטע.

דער צווייטער גרויסער טרומף פון אונזערע מאַנופאַקטשורערס איז
זייער ניי-געגרינדעטע אָרגאַניזאַציע פון קלאָוק-מאַנופאַקטשורערס איבער'ן
גאַנצען לאַנד. זיי מיינען, אז אונטער די נייע אומשטענדען האָבען זיי ניט
וואָס מורא צו האָבען, אז זייערע א קאָנקורענט פון אן אַנדער שטאָדט וועט
קריגען און אויפמאַכען זייערע אָרדערס. זיי מיינען, אז דער סטרייק פון די
קלאָוק-מאַכער וועט זיין, מוז זיין א דזשענעראַל-סטרייק איבער'ן גאַנצען
לאַנד. דאס אליין מאַכט זיי שטייפער, פרעכער אין זייערע פאָדערונגען.
דער פאַקט, דאס אין קיין אנדער שטאָדט וועט מען ניט מאַכען קיין קלאָוקס,
וועט פאַרהאַרטעווען זייערע הערצער, איבערהויפּט די רייכערע פון זיי,
וועלכע האָבען זיך אנגעגרייט מיט גענוג רויב פאַר אט דעם צוועק.

געגען אט דעם באַסישען טרומף מוזען די ארבייטער האָבען אין זינען
זייער טרומף, אז טאַקע א דאַנק דעם דזשענעראַל סטרייק זיינען זיי זיכער, אז
קיין סקעב וועט ניט מאַכען די ארבייט פון די באָסעס, געגען וועמען זיי
פיהרען א קאַמף. דער דאָזיגער באַוואוסטזיין, אז עס סטרייקען אלע ארביי-
טער, און אלע ליידען פאַר זייער יוניאָן, פאַר דער מעגליכקייט צו לעבען, ווי
מענשען, ניט ווי שקלאַפען, דאַרף זיין א גוטער, א שטאַרקער געגען-טרומף
געגען דעם פון די באָסעס.

א דריטער טרומף, וואָס די באָסעס דענקען אויסצושפּילען געגען די אר-
בייטער, איז די חילוקי דעות, וואָס זיינען פאַרגעקומען אין מאַנכע פון אונ-
זערע יוניאָנס. זיי גלויבען אז זיי וועט געלינגען אויפצוהעצען ארבייטער
געגען ארבייטער, לויט דעם אלטען וואָרט: צוטייל און הערש.

מיר, פון אונזער זייט, האַלטען קנאַפּ-וואָס פונ'ם לעצטען טרומף. מיר
זיינען זיכער, אז די דאָזיגע מיינונגס-פאַרשידענהייטען וועלען פאַרשווינדען
ווי רויך, אין דעם מאָמענט, ווען די ארבייטער וועלען ארויס אין קאַמף פאַר
זייער יוניאָן און פאַר אלץ, וואָס זיי האָבען געוואונען אין זייערע פריהערדיגע
גרויסע קעמפע. איין געדאַנק, איין גרויסער ווילען וועט באַהערשען אלע,
אלע אונזערע קלאָוקמאַכער: צו קעמפען און צו זיגען. און מיר זיינען פעסט
איבערצייגט, אז אט דער גרויסער, אייזערנער ווילען צו זיגען וועט איבער-
וועגען אלע די טרומפען, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט. וואָרים, ווי דער
אמת איז, זיינען דאך די אלע פאַקטאָרען, דורך וועלכע די קלאָוק-מאַנופאַק-
טשורערס האָפען צו צוברעכען די יוניאָן, געווען אויך אין א קלענערער אדער
גרעסערער מאָס אין יעדען פון די פריהערדיגע סטרייקס. און דאך האָבען
די ארבייטער ביז איצט, א דאַנק זייער שטאַרקען ווילען, א דאַנק זייער אויס-
דויער קראַפט, א דאַנק זייער אייזערנער דיסציפּלין, א דאַנק זייער פולסטען
צוטרוי צו זייערע אויסגעוועהלטע פיהרער, געוואונען אלע זייערע קעמפע.
דאָסזעלבע וועט זיין, מוז זיין אויך אין דעם איצטיגען קאַמף. דער קלאָרער
באַוואוסטזיין פון די ארבייטער וועגען אלץ, וואָס שטעהט פאַר זיי אין קאַמף,
דאס איז דעם ארבייטער'ס שטאַרקסטער טרומף. וואָס קלאָרער זייער באַ-
וואוסטזיין, דאס קרעפטיגער, דאס ענערגישער און דאס שטאַנדהאַפטיגער
וועלען זיי פיהרען זייער קאַמף געגען די פינסטערע פאַרשווערונגען פון די
ניו יאָרקער קלאָוק-מאַנופאַקטשורערס צוריקצוברענגען די אַמאָליגע שקלאַ-
פישע צושטענדע אין דעם קלאָוק-טרייד.

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 45. New York, Friday, November 4, 1921.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פראטעקטיוו קלאוקמאנופעקטשורערס נאגלען זיך אליין צו צום שאנד־קלאץ

„די קאמיסיע זאל רעפארטען איינמאל א מאנאט, און דעם ערשטען נאוועמבער, 1921, זאל זי פארלייגען איהר פולשטענדיגען רעפארט פון דעם, וואס זי האט אויסגעטאן און אויסגעפונען, פאר א פאראייניגטער קאמיטע פון די פארשטעהער פון דער אסס׳ן און דער יוניאן; און צוזאמען מיט דעם רעפארט זאלען אויך געבראכט ווערען פולשטענדיגע אויסגעארבייטע רעקאמענדאציעס.״

א פאראגראף פון דעם אפמאך, געשלאסען דעם 3טען יוני, 1921, צווישען די קלאוק סוט ענד סקוירט־מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסס׳ן און דעם דזשוינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן און דער א. ל. ג. וו. י.

דער דאזיגער אפמאך, ווי עס איז אלגעמיין באקאנט, איז געווען דער רעזולטאט פון פילע קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס ערשט לעצטען דזשון. די פאר־שטעהער פון ביידע צדדים האבען זיך אונטערגעשריבען אונטער דעם דאזי־גען אפמאך. די יוניאן, פון איהר זייט, האט איהר ווארט געהאלטען. איהרע אויסערוועהלטע פארטרעטער האבען זיך פלייסיג באטייליגט אין דער טעטיגקייט פון דער קאמיסיע. און ווען עס איז אויפגעהויבען געווארען א קלאגע פון א מאנופעקטשורער געגען אן ארבייטער, וועלכער זאל האבען ניט פראדוצירט גענוג, און די ארבייטער־פארשטעהער פון דער קאמיסיע האבען געפונען די אנקלאגע, אלס גוט־באגרינדעט, האבען זיי איינגעשטימט מיט זייערע קאמיטע־קאלעגען פון דעם צד פון די מאנופעקטשורערס און זיי הא־בען מסכים געווען צו דעם, אז דער ארבייטער זאל בלייבען ענטזאגט.

יע, די יוניאן האט שטרענג אפגעהיט יעדעס ווארט פון דעם אפמאך, אפילו אויף דער געפאהר צו מאכען זיך אביסעל אומפאפולער אין א קליינעם קרייז פון דער קלאוק מאכער יוניאן. ווי האט אבער די פראטעקטיוו אסס׳ן פון די קלאוק מאנופעקטשורערס געהאנדעלט? האט זי געווארט אויף דעם מיטינג, וואס האט געזאלט פארקומען דעם ערשטען נאוועמבער, און פאר וועלכען די באשטימטע קאמיסיע האט עס געזאלט ברייגגען איהר רעפארט מיט איהרע רעקאמענדיישאנס?

ניין, די הערען מאנופעקטשורערס האבען באטראכט דעם גאנצען אפמאך אלס א „סקרייפ און פייפער״, אין פראסט אידיש, אלס אן „אשר־יצר־פאפירעל״, זיי האבען פארלייקענט זייערע אייגענע אונטערשריפטען אויף דעם אפמאך מיט דער יוניאן. לעצטען דינסטאג, אויף זייער א געהיימער זיצונג אין וואלדארף אסטאריא, האבען זיי מיט דער גרעסטער פרעכהייט געבראכען זייער ווארט, זיך ערקלערט בפרהסיא פאר ליגנערס און בלאפערס, ווען זיי האבען אנגענומען א רעזאלוציע איינצופיהרען דעם 14טען נאוועמ־בער, ערשטענס, שטיק־ארבייט, צווייטענס, צו פארלענגערן די ארבייטס־שטונדען און, דריטענס, צו שניידען די ווייזשעס.

און אט די מענשען, וועלכע האבען זיך עפענטליך אליין געבראנד־מארקט אלס ליגנער, אלס נפשות, וועמען מען טאר ניט גלויבען פון דאנען־אהין, האבען נאך די חוצפה צו קומען מיט „סטייטמענטס״ פאר׳ן פובליקום, און ערווארטען נאך אז אירגענד א מענש מיט א פונק פון געהירען אין זיין מוח זאל זיי גלויבען! האלטען אונזערע קלאוק־מאנופעקטשורערס דעם פוב־ליקום פאר ווירקליך אזוי נאריש?

דער אפמאך, אונטער וועלכען זיי האבען זיך אונטערגעשריבען איז נאך ניט אלט קיין גאנצע פינף מאנאטען. ער איז פריש אין זכרון פון יעדען מענשען, וואס לייענט נאר א צייטונג. וועגען דעם אפמאך, דעם זאגענאנטען „מעמאראנדום״ איז אזוי פיל גערעדט און געשריבען געווארען, און דאך ניט אכטענדיג אויף דאס אלעס, האבען די מאנופעקטשורערס געהאט די חוצפה זיך צו מאכען גאר כלא ידע און, אנשטאט אויסצוהערען דעם רעפארט פון זייערע אייגענער קאמיסיע, און דאן באשליסען, וואס צו טאן, וואס דאס וואלט געווען ניט מעהר ווי אנשטענדיג, און קיינער וואלט ניט געקאנט ווייניגס־טענס זיי ערקלערען, אלס ליגנער, אלס ווארט־ברעכער, פערדערען זיי זיך מיט א גאנצער וואך און לאזען ארויס זייער באריהמטען דעקרעט!

איין וואך ווארטען האבען אונזערע מאנופעקטשורערס ניט געהאט די נויטיגע געדולד, אום ווי עס איז צו פארדעקען און פארגלעטען זייער גע־מיינהייט, און זיינען ארויסגעשפרונגען פאר דער גאנצער וועלט אין זייער גאנצער העסליכער נאקעטקייט, ארויסגעוויזען זיך אלס מענשען, מיט וועמען צו אונטערהאנדלען איז אומזיסטע, אין ניוועץ ארויסגעווארפענע מיה.

מיר וואלטען געוואלט אפילו נאך איצט דן לכף זכות זיין די דאזיגע ווארט־ברעכער. מיר וואלטען געוואלט ענטשולדיגען זייער געמיינהייט מיט זייער נארישקייט, מיט זייער קאפלאזיגקייט, מיט דעם גענצליכען מאנגעל פון אינטעליגענץ אין זייערע רייהען. ווייל אין דער אמת׳ען איז דאך זייער האנדלונג פון אויבען־אויף גאנץ אומבאגרייפליך. זיי האבען געקאנט דאך טאן דאסזעלבע, ניט בראנדמארקענדיג זיך אלס ווארט־ברעכער. דעמזעלבען אולטימאטום פאר דעם 14טען נאוועמבער וואלטען זיי דאך געקאנט ארויס־לאזען מיט א וואך שפעטער, און עס וואלט נאך, אפשר, געווען בעסער פאר זיי. די יוניאן וואלט געהאט ווייניגער צייט זיך פארצובריטען צום בעפאר־שטעהענדען קאמף.

אבער מיר קענען ניט זיי געבען די ברירה צווישען אידיאטסטווא און געמיינהייט. ווייל באמת האלטען מיר גארנים די קלאוק־מאנופעקטשורערס פאר אזעלכע נארען. מיר האבען ביי אן אנדערער געלעגענהייט ערקלערט, אז מיר געפינען צווישען זיי גאנץ קלוגע מענשען, און מיר זיינען נאך איצט פון דערזעלבער מיינונג. זייער איילעניש מיט זייער אולטימאטום קען נאר ערקלערט ווערען מיט דעם, וואס זיי האבען מ ו ר א געהאט פאר דעם רעפארט פון זייער אייגענער קאמיסיע. זיי האבען געוואוסט, אז דער רע־פארט פון דער קאמיסיע וואלט געווען די שטארקסטע וואפע געגען אלע זיי־ערע פינסטערע פלענער. אט דערפאר האבען זיי געהאלטען פאר נויטיג וואס ניכער צו ברעכען זייער ווארט צו דער יוניאן און האנדלען אזוי געמיין.

ווארים, וואס איז געווען די הויפט־אויפגאבע פון דער אויסגעוועהלטער קאמיסיע? אט איז א ווערטערליכע איבערזעצונג פון א צווייטען פאראג־ראף פון דעם באריהמטען „מעמאראנדום״: „צו שטודירען שאפ און ארבייט־פראדאקשאן־רעקארדס און אנדערע פאקטען מיט דעם צוועק אויסצואַרביי־טען מאסרעגלען, וועלכע זאלען ברייננען די פראדוקטיוויטעט פון די ארביי־טער צו א פונקט, וואס זאל זיין עהרענהאפט און גערעכט פאר ביידע צדדים״.

נון, עס זיינען אוועק 5 מאנאטען, און פאר דער גאנצער צייט, אין דעם גאנצען קלאוק־טרייד פון די טויזענטע און טויזענטע שעפער האט זיך געפונען בלויז איין מאנופעקטשורער, וועלכער האט געמאכט אן אנקלאגע געגען א י י ן ארבייטער, אז ער פראדוצירט ניט גענוג. איז אט דער רעקארד אליין ניט די שווערסטע אנקלאגע געגען די מאנופעקטשורערס, אז זייער גאנצער ליארעם, דאס די ארבייטער פראדוצירען ניט גענוג איז געווען ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א ממזר־בלבול געגען די ארבייטער? ווארים, שיקט זיך עס דען, אז די באסעס וואלטען זיך צוריקגעהאלטען מיט זייערע קריוודעס געגען די ארבייטער אין ניט־פראדוקטיוויטעט, ווען זיי וואלטען נאר געהאט אירגענד וועלכע גענינגענדע באווייזען? און, ווען דער ממזר־בלבול פון דעם ארבייטער׳ס ניט־פראדוקטיוויטעט וואלט געמוזט אין דעם רעפארט פון דער קאמיסיע אוועקפאלען, וואלט זי דאך געמוזט זיך נעהמען צו אונטערזוכען ד י א נ ד ע ר ע פ א ק ט ע ן, ווארום קלאוקס קאסטען אזוי ברענד־טייער. דער געשריי פון די מאנופעקטשורער איז דאך, אז זיי מוזען נעבאך רייסען פון פובליקום זיבען פעלען פאר זייערע קלאוקס, ווייל וואס קענען זיי נעבאך טאן, אז דער ארבייטער פראדוצירט ניט. ווען אבער די דאזיגע באהויפטונג ווייזט זיך ארויס, אלס א געמיינער בלבול, וואלט דאך די קאמיסיע ג ע מ ו ז ט זוכען די אורזאכע פון דעם יקרות אויף קלאוקס ערגעץ אנדערש. און זי וואלט ניט באדארפט לאנג זוכען, זי וואלט עס אויסגעפונען אין די געשוואלענע רויב־פראפיטען פון אונזערע קלאוק־מאנופעקטשורערס, וועלכע האלטען כלומרשט אין איין רחמנות האבען אויף דעם פובליקום. דאס וואלט געמוזט זיין דער רעפארט פון דער קאמיסיע, און זי וואלט עס געקאנט באווייזען מיט פ א ק ט ע ן. און אט אנים מורא פאר דעם זיכערען רעזולטאט פון אזא מין רעפארט, האבען די מאנופעקטשורערס באשלאסען: בדאי צו שפייען זיך אליין אין פנים, בדאי זיך אליין צו בראנדמארקען, אלס ווארט־ברעכער, איידער צו דערלאזען, אז פאר דער וועלט זאל ארויסקומען א רעפארט פון דער קאמיסיע, אין וועל־כען עס זאל קלאר־געשטעלט ווערען מיט פאקטען און ציפערען, אז, בעת זייערע ליפען טריפען מיט ליבע און געטריישאפט צום פובליקום, האבען זיי איהם פאר יאהרען און יאהרען בא׳גנב׳עט און בא׳גזל׳ט, און געמאכט, ווי אימער, דעם ארבייטער, דעם, וועלכער האט אין די בעסטע צייטען געהאט קוים גענוג צום לעבען, פאר זייער שעיר לעזאזל.

דאס, אויב מען זאל ניט אננעמען די השערה פון פשוט׳ער אידיאט־סטווא, איז די איינציגע ערקלערונג פאר דער האנדלונג פון אונזערע ניו יארקער מאנופעקטשורערס. עס האט געהאלטען דערביי, אז מען זאל זיי כאפען ביי דער האנט אין סאמע אקט פון פיקען דעם עולם׳ם פאקעטס, און זיי האבען דארום, אויף דעם געוויינליכען פיק־פאקעט־שטייגער געמאכט א טומעל מיט אן אולטימאטום, מיינענדיג, אז דערמיט וועלען זיי אניאגען א טומאן און א פינסטערניש, אונטער וועלכער זיי זאלען קענען מאכען א „ויברח״.

וועט זיי דאס געראטען? איז אונזער עולם ווירקליך אזוי נאאיוו? מיר גלויבען עס ניט. ווייניגסטענס, וועט די יוניאן אנשטרענגען אלע איהרע כוחות אויפצוקלערען אט דעם גאנצען באסישען שווינדעל. די מאסקע פון זייערע פנים׳ער וועט אין דער צייט פון קאמף מוזען ארונטערגעריסען ווערען און פריהער אדער שפעטער וועט דער עולם זיי דערזעהן אין זייער גאנצער רויבערישער העסליכקייט.

וואס די באסעס ווילען

ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי דריי זאכען: 1) די צוריקקעהרונג פון דער שטיק־ארבייט־סיסטעם; 2) די פארלענגערונג פון די ארבייטס־שטונדען; 3) די שניידונג פון די ווידזשעס פון די יעניגע ארבייטער אין קלאוק־טרייד, וועמען זיי מוזען באשעפטיגען פון וואך, ווי דאס זיינען די קאטערס און די פרעסערס.

דריי קליינע פונקטען, און דאך מיינט עס, ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי דאס צוריקקערען זיך צו דער ערגסטער שקלאפעריי, וואס האט אמאל עקזיס־טירט אין דער אינדוסטריע אין דעם לאנד. דער טאג, ווען דאס וואלט געלינגען די מאנופעקטשורערס אויסצופיהרען, וואלט געווען דער שווארצעסטער טאג אין דעם לעבען פון אונזערע זעכציג טויזענט קלאוקמאכער אין ניו יארק, פון די אנדערע פערציג טויזענט אין אנדערע שטעדט און פון אונזער אידי־שער ארבייטער־באוועגונג בכלל. דאס וואלט געמיינט דער צוזאמענבראך פון אלץ, אלץ, וואס די ארבייטערבאוועגונג האט דורך יאהרען פון קאמף אויסגעפאכטען פאר דעם אידישען ארגאניזירטען ארבייטער.

מיר האלטען ניט פאר נויטיג צו ערקלערען אונזערע בעלי־מלאכות איצט, נאך זייער גרויסען קאמף פון 1919, און נאך דעם, ווי זיי האבען גע־ארבייט איבער צוויי יאהר אלס וואך־ארבייטער, וואס די באסעס באצווע־קען מיט דער ווידער־איינפיהרונג פון שטיק־ארבייט. די ארבייטער געדענקען נאך גענוג יענע פינסטערע יאהרען, ווען זיי האבען זיך געיאגט נאכ׳ן באנדעל; זיי געדענקען נאך גענוג, ווי אונמענשליך שווער זיי האבען גע־מוזט ארבייטען, אום צו מאכען זייער טרויעריגען לעבען. זיכער געדענקען זיי נאך, ווי דער אומגליקליכער באנדעל האט זיי אומגעוואנדעלט אין ווילדע חיות, אזוי, דאס אין זייער גייעג נאך איהם, האבען זיי, ברידער, וועלכע הא־בען געהערט צו איין יוניאן, געמוזט ווערען איינע די אנדערע דם שונאים. און דאס אליין, וואס די מאנופעקטשורערס קענען נאך גלויבען אויף א מינוט, אז די ארבייטער קענען אמאל איינוויליגען צוריקקעהרען זיך צו אט דער דאזיגער פארשטאלטענער סיסטעם, דאס איז די גרעסטע באלידיגונג פאר דעם ארבייטער׳ס אינטעליגענץ. און ווען זיי מאכען נאך דערצו די באהויפ־טונג אין דער פרעסע, אז די ארבייטער אליין ווילען גאר צוריק האבען די סיסטעם פון שטיק־ארבייט, דאס איז א חוצפה וואס האט גאר קיין ברעג ניט.

פארלענגערען די ארבייטס־שטונדען. דאס איז זייער צווייטע פאדע־רונג. לאמיר אין א פאר ווערטער זאגען וואס דאס מיינט. די ארבייטער האבען געפיהרט יאהרען־לאנג א קאמף פאר א בעסערען, א שעהנערען, א מעהר מענשליכען לעבען. פילעס האבען זיי דערגרייכט, און פאר נאך מעהר בלייבט ערשט צו קעמפען. דאס וויכטיגסטע, דאס גרעסטע, דאס ממשות׳־דיגסטע אבער, וואס די ארגאניזירטע ארבייטער האבען אויסגעקעמפט איז די פארקירצונג פון זייער ארבייטס־צייט. קומען איצט די באסעס, און ווילען צוריק איינפיהרען דעם גלות־לאנגען ארבייטסטאג. „צוריק אין שפאן אריין!״ רופען אונזערע באסעס צו די ארבייטער, און זיי האבען נאך דעם קופערנעם שטערען צו ערקלעהרען אין די צייטונגען, אז די ארבייטער אליין גארען פשוט נאך א לענגערען ארבייטס־טאג.

און איז דען נויטיג פאר אונז צו ערקלערען, וואס עס באדייט דער בא־סישער באשלוס צו שניידען די ווידזשעס פון ארבייטער, וועלכע פראקטיש ארבייטען ניט מעהר, ווי צוואנציג וואכען אין יאהר?

ניין, מיר ווילען ניט באלידיגען די אינטעליגענץ פון אונזערע ארביי־טער. מיר ווייסען, וואס עס וועט זיין זייער ענטפער צו די באסעס דורך דעם וואוט, וואס זיי וועלען דארפען אפגעבען אין דעם משך פון די נעקסטע פאר טעג. מיר האבען ניט דעם מינדעסטען צווייפעל, דאס דורך זייער וואוט וועלען זיי ווייזען דעם גאנצער וועלט, אז זיי זיינען געמיין פארלוימדעט גע־

א באקאנטשאפט מיט זיך אליין

פון דר. ב. דובאווסקי.

צווייטער פון א סעריע ארטיקלען וועגען מענשליכען קערפער, וואס יעדער איינער דארף וויסען.

די ענטוויקלונג פון מענשליכען קערפער.

דער מענשליכער קערפער, ווי דער קערפער פון יעדע לעבעדיגע באשעפעניש, פאנגט זיך אן פון אן איינצעלנע צעלע. פונקט ווי א הון ווערט אויסגעבריהט און ענטוויקעלט זיך פון אן איינצעלנע איי. נאר אינ'ם פאל פון מענשען איז די ערשטע צעלע, דאס איי, אזוי קליין, דאס מען קען עס מיט'ן אויג ניט דערזעהן. און דאך ענטהאלט דיזע קליינינקע, מיקראסקאפישע צעלע אלעס, וואס איז נויטיג פאר דער ענטוויקלונג פון א מענשען, ניט נאר די פיזישע געשטאלט פון דיזען מענשען, נאר צו א גרויסען גראד אויך זיינע אייגענשאפטען און זיין כאראקטער.

אזוי שנעל ווי דאס איי ווערט באפרוכטעט, פאנגט עס אן צו וואקסען און צושפאלטען זיך. צוערשט צושפאלט ער זיך אין צוויי גלייכע העלפטען און עס ווערען צוויי צעלען. נאכהער צושפאלטען זיך די צוויי צעלען און עס ווערען פון זיי פיער צעלען, און אזוי פארמעהרען זיי זיך ביז עס ווערט א גאנצער קנויל צעלען אין איין הייטעל.

פון דיזער שטופע זיינען אלע צעלען, דאכט זיך, גלייך, אבער פון דאן אן פאנגען די צעלען אן צו ענטוויקלען זיך פארשיידען און זיי אונטערשיידען זיך ניט נאר אין דער פארמע, וואס זיי נעהמען אן, נאר אויך אין דער שנעלקייט, מיט וועלכער זיי וואקסען. פון יעדע גרופע צעלען ענטוויקעלט זיך דאן אן אנדער טייל פון קערפער. פון איין גרופע צעלען ענטוויקעלט זיך דער מארך, פון א צווייטע ענטוויקלען זיך די ביינער, פון א דריטער די מוסקולען, און אזוי צוטיילען זיך די טיילען פון דער ערשטער צעלע מיט דער ארבייט פון אויפבויען און ענטוויקלען דעם שטארק קאמפליצירטען מענשליכען קערפער.

מיט דיזער צוטיילונג פון דער ארבייט צוטיילען זיך די צעלען אויך מיט די אייגענשאפטען, וואס זיי פארמאגען. אין אנפאנג, ווען אלע צעלען זיינען גלייך, באזיצען זיי אלע די זעלבע אייגענשאפטען אין א גלייכער מאס, אבער ווען זיי פאנגען זיך אן צו ענטוויקלען אין פארשיעדענע ריכטונגען, ענטוויקעלט יעדע קלאס צעלען איין סארט אייגענשאפט מעהר, ווי די אנדערע. איין קלאס צעלען, צום ביישפיעל, ענטוויקלען אין זיך צו א גרויסען גראד די אייגענשאפט פון צוזאמענציהען זיך, ווען זיי ווערען גערייצט. דאס זיינען די מוסקול צעלען. א צווייטע קלאס צעלען ענטוויקלען אין זיך צו א גרויסען גראד די אייגענשאפט פון איבערפיהרען איינדרוקע פון איין טייל צעלע צו דער אנדערער. דאס זיינען די נערוו-צעלען. א דריטע גרופע צעלען ענטוויקלען אין זיך די אייגענשאפט פון ביינזאמקייט, עלאסטיציטעט, צוזאמען מיט א פעסטקייט, און פון זיי ענטוויקלען זיך די בינדעסגעוועבען (קאנעקטיוו טישו), וואס בינדעט צוזאמען די פארשידענע מוסקולען, ביינער, שלעסער, און אז וו.

דיזע צוטיילונג פון דער ארבייט אין מענשליכען קערפער קען פארגליכען ווערען צו דער צוטיילונג פון ארבייט אין דער מענשליכער געזעלשאפט. אמאל, ווען די מענשען פלעגען ארומוואנדערען אין קליינע גרופעס אדער נאר אין איינצעלנע פאמיליעס, פלעגט יעדער מענש מוזען טאן אלעס פאר זיך אליין. ער האט געמוזט זוכען זיין שפייז, בויען זיין הויז, מאכען זיינע קליידער, זיך פארטיידיגען נעגען זיינע שונאים, און אז. וו. אבער ווען די מענשען האבען אנגעפאנגען צו לעבען אין גרעסערע גרופעס, האבען זיי זיך צוטיילט מיט דער ארבייט, אייניגע זיינען באשטימט געווארען אויף צו בויען הייזער פאר אלעמען, א געוויסע צאהל מענשען איז באשטימט געווארען אויף צו שאפען שפייז פאר אלעמען, אן אנדער גרופע מענשען האט געהאט די אויפגאבע צו שאפען קליידער פאר אלעמען, און מאנכע האבען געהאט די אויפגאבע צו פארטיידיגען די גאנצע גרופע מענשען נעגען שונאים.

אויף אזא אופן האט יעדער צו טאן בלויז א באשטימטע ארבייט, וועלכע ער קען טאן בעסער און שנעלער, ווי אנדערע ארבייטען, און די גאנצע געזעלשאפט האט דערפון מעהר, ווי זי וואלט געהאט, ווען יעדער מענש וואלט געדארפט פאר זיך אליין באזארגען אלעס, אין וואס ער נויטיגט זיך.

אויף דעם זעלבען פרינציפ פון צוטיילונג פון ארבייט איז אויך געשטיצט דער מענשליכער קערפער. יעדע פרימיטיווע צעלע באזיצט אלע אייגענשאפטען, וואס א לעבעדיגעס וועזען דארף באזיצען, אום צו קענען עקזיסטירען. אבער אזוי שנעל, ווי די צעלען פארמעהרען זיך און פאנגען אן צו לעבען אין געזעלשאפטען, צוטיילען זיי זיך מיט דער ארבייט, פונקט ווי עס טוען די מענשען, ווען זיי לעבען צוזאמען אין גרויסע שטעדט.

דורך אזא צוטיילונג פון ארבייט אין דער מענשליכער געזעלשאפט ווערט נויטיג א טראנספארטאציאנס-סיסטעם, וואס זאל ברייננען די פראדוקטען, וואס דער מענש שאפט, צו די אנדערע מענשען, פאר וועלכע זיי ווערען געשאפען און א רעגולאציאנס-מעכאניזם צו רעגולירען וויפיעל פראדוקטען יעדער זאל שאפען. דאס זעלבע איז אויך אין קערפער. דערפאר וואס די צעלען ספעציאליזירען זיך אויף צו טאן געוויסע ארבייט, מוזען זיך ענטוויקלען אין קערפער א רעגולאציאנס- סיסטעם אויף צו רעגולירען וויפיעל יעדע קלאס צעלען זאלען שאפען.

די צוטיילונג פון די צעלען אויף פארשידענע קלאסען קומט פאר אויף א זעהר פראקטישען אופן:

איין קלאס צעלען אנטוויקעלט זיך אלס א לאסט-טרעגער פון קערפער. אויף זייערע פלייצעס האלט זיך אויף דער קערפער. אהן זיי וואלט ער צוזאמענגעבראכען. דיזע צעלען אנטוויקלען זיך אין ביינער און אין קארטילעדזש (כראמשקע, ווייך ביינדעל). זיי דינען פאר'ן קערפער, ווי די שטאלענע פריים דינט פאר א מאדערנער געביידע.

א צווייטער קלאס צעלען אנטוויקלען זיך אלס די צוגרייטער פון שפייז פאר'ן קערפער. דיזע ספעציאליזירען זיך אויף אויפצונעמען שפייז, פארדייען זיי און צוגרייטען זיי אין אזא פארמע, דאס די אנדערע צעלען פון קערפער זאלען זיי קאנען געברויכען.

א דריטער קלאס צעלען אנטוויקלען אין זיך צו א גרויסען גראד די אייגענשאפט פון באוועגען זיך דורך צונויפציהען און אויסציהען זיך. דיזע צעלען פארמירען נאכהער די מוסקולען, וואס באדעקען אונזער סקעלעט און באוועגען די ביינער, פון וועלכע דער סקעלעט איז צוזאמענגעשטעלט.

א פערטער קלאס צעלען אנטוויקלען אין זיך די אייגענשאפטען איבערצוגעבען איינדריקע פון איין טייל צעלע צו דער צווייטער, און דיזע ענטוויקלען זיך נאכהער אלס דער נערווען-סיסטעם פון קערפער. דיזער סיסטעם דינט דעם קערפער אויפ'ן זעלבען אופן ווי א טעלעפאן און טעלעגראף סיסטעם דינט פאר די איינוואוינער פון א גרויסער שטאדט. עס העלפט זיי צו קומען אין פארבינדונג איינע מיט די אנדערע.

א פינפטער קלאס צעלען ספעציאליזירען זיך אויף פרישע לופט טרעגער צו די אינערליכע צעלען פון קערפער, וואס קומען אין בארירונג מיט דער אויסערליכער לופט און וואלטען דערשטיקט געווארען ווען מען זאל זיי ניט ברייננען רעגעלמעסיג דעם זויער-שטאף פון דער לופט. פון דיזע צעלען אנטוויקלען זיך די לונגען און די רויט-בלוט קייקעלאך.

א זעקסטער קלאס צעלען אנטוויקלען אין זיך די אויפגאבע אויסצוטייטשען די איינדריקע, וואס די נערווען זאמלען פון די פארשיידענע טיילען פון קערפער. דיזע אויסטייטשער צעלען בילדען דעם מארך.

א זיבעטער קלאס צעלען ספעציאליזירען זיך אין דער ארבייט פון אנזאמלען שפייז און זי באהאלטען אויף א שפעטערער צייט, ווען דער קערפער וועט זיך אין איהר נויטיגען. דער קערפער לעבט ניט פון „האנט צום מויל". ער האט שטענדיג א רעזערוו (זאפאס) שפייז אנגעגרייט אויף א נויט פאל. דיזע סטארעדזש אדער אנזאמלער צעלען זיינען די פעט צעלען און די לעבער צעלען.

אן אכטער קלאס צעלען אנטוויקלען קערפער און איהם באשיצען אויף ווי ווייט זיך ספעציעל צו דינען אלס פאנצער פאר'ן נאר מעגליך קעגען אויסערליכען שאדען. דיזע צעלען פארמירען נאכהער די הויט.

א נייינטער קלאס צעלען ספעציאליזירען זיך אין דער ארבייט פון רעפראדוקציאן, דאס הייסט פון זיי אנטוויקלען זיך נייע דורות.

עס איז אויך דא א צעהנטער קלאס, אין וועלכען עס ווערען איינגערעכנט אלע אנדערע צעלען, וועלכע געהען ניט אריין אין קיינע פון די אויבען אויסגערעכנטע קלאסען.

פון דיזע אויבען אויסגערעכנטע קלאסען צעלען אנטוויקלען זיך די פארשיידענע געוועבען (טישוס) פון וועלכע אונזער קערפער איז צוזאמענגעשטעלט, אבער דיזע געוועבען זיינען אויך גרופירט אין פארשיידענע ארגאנען און פירען אפ דורך פארשיידענע אויפגאבען לויט דעם טייל פון קערפער, אין וועלכען זיי געפינען זיך.

צום ביישפיל, דער נערוו, וואס פארציהט זיך פון אויג צום מארך, פירט „בילדער" צום מארך. דיזער נערוו „זעהט" ווערענד דער נערוו, וואס ציהט זיך פון אויער צום מארך „הערט" און דער נערוו, וואס ציהט זיך פון דער הויט צום מארך „פיהלט". אין אלע דריי פעלע זיינען די נערוווען די זעלבע, נאר זיי ערפילען פארשיידענע פונקציאנען לויט דעם טייל פון קערפער אין וועלכען זיי געפינען זיך.

די פונדאמענטאלע געוועבען, ווי מוסקולען, ביינער, נערוווען, פעט און ז. וו. זיינען, אלזא, גרופירט אין פארשיידענע ארגאנען און יעדער פון דיזע ארגאנען האט צו ערפילען א געוויסע אויפגאבע. די זעלבע ביינער, מוסקולען, נערוווען, פעטס, בלוט-רערען און הויט, שטעלען צוזאמען די פיס, וואס האבען די אויפגאבע צו געהן און איבערטראגען דעם קערפער פון איין פלאץ צום אנדערען, און די זעלבע ביינער, מוסקולען, נערוווען, פעטס, בלוט-רערען און הויט שטעלען צוזאמען די הענט, וועמענס אויפגאבע עס איז צו גרייפען און דערלאנגען אלעס, אין וואס דער קערפער נויטיגט זיך. די זעלבע אויסגערעכנטע פונדאמענטאלע געוועבען שטעלען אויך צוזאמען דעם בויך, דעם ברוסט-קאסטען און אלע אנדערע טיילען פון קערפער.

דיזע פונדאמענטאלע געוועבען פון קערפער, די מוסקולען, נערוווען, ביינער און ז. וו. ווערען אפט באצייכענט מיט'ן נאמען סיסטעמען, מען רעדט וועגען דעם „מוסקולען-סיסטעם" פון קערפער, סקעלעט אדער „ביינער סיסטעם" פון קערפער, בלוט אדער „צירקולאציאנס-סיסטעם" פון קערפער. און אום צו האבען א מעהר אדער וויינינער גענויען באגריף וועגען דער ארבייט פון קערפער, איז נויטיג זיך צו באקענען מיט דיזע סיסטעמען און ווי אזוי זיי שטעלען צוזאמען די פארשיידענע ארגאנען פון אונזער קערפער.

די וואזאנעס

(היימישע ערצעהלונג.)

פון אברהם רייזען

דאס שטיבעל, וואס איז באוואוינט געוועזען פון דער זיבען-פארשוויגענדיגער פאמיליע, איז געוועזען זעהר קליין. אבער די האנד פון דער עלטערער צוואנציג-יעהריגער טאכטער, ביילקע, האט עס אימער געהאלטען אין ריינקייט און ציכטיגקייט. די מאמע אליין, חיענע, איז אפילו אויך געוועזען א בריה, אבער דער מאמע'ס בריה'שקייט האט זיך מעהר אויסגעדריקט אין פראקטישער ארבייט; זי פלעגט באקען אליין ברויט, וואשען גרעט, לאטען העמדער און צירעווען זאקען. אין די אלע ארבייט איז זי געווען באריהמט אין דער גאנצער גאס. די טאכטער אבער האט זיך בלויז אפגעגעבען מיט אויסערליכער שעהנקייט. נאטירליך, פלעגט זי מוזען העלפען דער מאמען אויך אין דער פראקטישער ארבייט. א נעבעך ברויט אפצובאקען איז ניט פון די גרינגע זאכען, און ביילקע פלעגט מוזען העלפען פארקנעטען דעם ברויט אין דייזשע, אויך די וועש, וואס עס פלעגט זיך אנקלייבען פאר א מאנאט צייט, איז ניט געווען פאר דער מוטער'ס כחות אליין צוצוואוואשען — אבער די דאזיגע ארבייט פלעגט ביילקע טאן אויס פליכט און ניט מיט'ן גוטען ווילען.

מיט ליבע פלעגט ביילקע טאן בלויז יענע ארבייט, וואס האט געהאט אין זיך שעהנקייט: שטריקען סערוועטען, העפטען די ווייסע פארהענגלעך, אויסנייהען אויף די ציכלעך מיט רויטע בוועל דעם נאמען, און אין א פרייער צייט — אויסנייהען אויף קאנווע פארשידענע פייגעל און חיות.

אבער דאס פלעגט איהר ניט לייכט אנקומען. פון איין זייט די הוצאות וואס עס פלעגט קאסטען דאס מאטעריאל דערויף, וואס דער טאטע, חיים, אן ארימער תבואה-הענדלער, האט איהר קיינמאל ניט געגעבען און זי פלעגט עס מוזען אליין פארדינען, טאקי פון דערזעלבער ארבייט פאר אנדערע מיידלאך, וואס האבען אליין ניט געקאנט אויסנייהען און העפטען; און פון דער צווייטער זייט איז דער טאטע געווען פון די דאזיגע „שמאכטעס", ווי ער פלעגט עס אנרופען, זעהר ניט צופרידען. — „לייבען, בערען, לעמפערטען, פיפערנאטערס"! — פלעגט ער מורמלען, זעהענדיג די טאכטער ביי איהר ארבייט — „עס איז מיר מעהר ניט אין קאפ, ווי אזוינע נארישקייט"...

אבער דאס פלעגט אראפ ענדליך גלאט. און ווער ווייס, טיף אין הארצען האט עס איהם אפשר הנאה געטאן: א קונץ איז עס דאך; מען זאל פון געוועהנליכע פארים אויסנייהען לעבעדיגע זאכען... אז דער טאכטער'ס חיות און פייגעל האבען געלעבט, האט ער געזעהען בעשיינפערליך. אמת, קיין לעבעדיגען לייב און לעמפערט האט ער קיינמאל נישט געזעהען, אבער ער האט פארשטאנען מיט'ן שכל, אז אזוי זעהען די דאזיגע חיות אויס. און די פאר פייגעל, וואס זי האט אויסגענייהט, דערקאנט ער דאך גלייך, אז זיי זיינען אמת'ע. פייגעל זעהט ער אלע טאג אויפ'ן הויף, ווען זיי קומען פיקען די תבואה-קערנדלאך, וואס זענען אויפ'ן הויף צושאטען. ער צורייבט זיי גלייך: זיי שטערען איהם דאמאלס אין מסחור...

אזוינס צו מאכען מיט'ן נאדעל איז טאקי א בריה'שקייט. דאס איז ער מודה. אבער אלץ ביי זיך אין הארצען און אויך נאר אין א שבת-טאג, ווען ער ווארפט פון זיך אראפ די זארג פון פרנסה... איינמאל, טאקי אין א שבת, ווען ער איז געווען באזונדערס גוט אויפגעלעגט, האט ער זיין מיינונג ארויסגעזאגט הויך:

— נאר נישקשה'דיג, כ'לעבען... דער לייב איז הפלא...

אבער דאס רוב טעג פון דער וואך, איבערהויפט ווען דער האנדעל געהט ניט פויגעלדיג, קוקט ער אויף די פייגעל און חיות בייז און אנגעשטויסען. איהם דאכט זיך, אז זיי קוקען אראפ פון די ארימע ווענד מיט חוזק...

און דאמאלס ברומט ער ווידער בייז און סארקאסטיש:

— ווארזנעס, סאראקעס, פיפערנאטערס... א חרפה פאר לייטען...

— זיי בעטען ביי דיר עסען! — פארטיידיגט די מוטער די ארימע פייגעל און חיות, קוקענדיג אויף זיי מיט גרויס אפשיי.

— וועניג קאסטען זיי, וואס! ברומט ער צוריק...

— ניט פון דיין פרנסה מאכט זי עס, — ענטפערט די מוטער...

דא בלייבט ער צוריק שטיל און לאזט די פייגעל מיט די חיות הענגען אויף דער וואנד אין פרידען.

אבער מיט די פייגעל און חיות אויף די וואנד האט זיך ביילקע ניט באגנוגענט. געוואלט האט זי דאס קליינע שטיבעל פארוואנדלען אין א פאלאץ, און אויב פאר מעבעל איז קיין געלט ניטא און קיין פלאץ ניט אפילו, וואו אוועקשטעלען עס — איז אבער נאך פארהאן גענוג מיטלען צו קריגען פאר'ן שטיבעל שעהנע זאכען אהן געלד און אויך פלאץ אויף אוועקצושטעלען עס.

און ביילקע'ס פאנטאזיע איז דערפלויגען ביז וואזאנעס...

א וואזאנע קאסט ניט טייער. פאר א צעהנערעל קאן זי קויפען צוויי-דריי טעפ און פארפלאנצען אין זיי בלומען. די צוויי פענסטער, וואס דאס קליינע שטיבעל פארמאגט, האבען אונטען גענוג פלאץ אויף אוועקצושטעלען זיי.

— אך, וועט עס זיין שעהן!

און ביילקעס פנים שטראהלט בלויז ביים געדאנק וועגען וואזאנעס.

און אנדזשיע, די טאכטער פון געגענאיבערדיגען גוי'שען שכן, איז זעהר א גוטע שיקסע. מיט ביילקען לעבט זי, להבדיל, ווי מיט א שוועסטער. זי האט אפילו פארטרויט איהר וועגען איהר ליבע צו אנטאש'ן, וואס וואוינט אין עק גאס און זי זעט זיך מיט איהם אלע טאג און אמאל שפעט אין אווענד אין פעלד... ביילקע איז אויף דעם דאזיגען „ליובאוו" מסכים, זי קאן אנטאש'ן גוט און אנערקענט אלע זיינע מעלות: א שענער, א גוטער און א פרייליכער. זי האט איהם אמאל געהערט שפילען אויפ'ן הארמאניק, איז זי געוועזען אויסער זיך: אזא שפילען האט זי אין איהר לעבען נישט געהערט... אלערליי וואלסען, אלערליי פאלקעס האט ער אויסגעשפילט. אנדזשיע איז ענטציקט פון ביילקעס גוטער מיינונג וועגען איהר אנטאש'ן און זייער פריינדשאפט איז די לעצטע צייט נאך שטארקער...

און אז ביילקע האט איהר פארטרויט איהר פארלאנג צו האבען וואזאנעס, האט אנדזשיע אנגעהויבען טאנצען פאר פרייד:

— מיין טייערע, מיין גאלדענע, מיין נשמה... וואזאנעס!... וואס פרעגסטו?... איך גיב דיר די בעסטע פלאנצונגען... וועסט עס איינזייהען אין טעפ און וועסט האבען אין א פאר חדשים ארום די שענסטע וואזאנעס... אט אזוי הויך!...

און אנדזשיע האט אויפגעהויבען איהרע הענד און געוויזען, ווי הויך די וואזאנעס וועלען אויפוואקסען אין צוויי חדשים ארום...

די ערשטע פאר וואכען האט דעם סוד פון די וואזאנעס בלויז געוואוסט די מוטער אליין. זי האט אפילו געזאגט, אז איז ענגשאפט איז דאס אן איבעריגע

די גרויסע דעבאטע :: ::

פון דזש. העללער.

(שלום).

פארשטענדליך, אז די לאגישע פאלגע פון אזא סארט געשפרעך מיט זיך אליין פלעגען מוזען זיין אנדערע, מעהר דירעקטע פראגען, און היימאן באאמטער, נאך זיין טאג ארבייט פלעגט זיך גאנץ אפט א פרעג טאן: „וואס וועט פון מיר זיין? זאל איך ווארטען ביז וואנען מען וועט מיך מיט שאנדע ארויסווארפען? אדער זאל איך זיך באצייטענס אליין אפטראגען?"

היימאן פלעגט אזוי פילאזאפירען: דער לעבען פון א באצאלטען באאמטען אין א יוניאן איז א באשרענקטער, פונקט ווי דער לעבען פון א מענשען. עטוואס מוז פריהער אדער שפעטער געשעהן אין דעם אפיציעלען לעבען פון א מענשען, וואס זאל איהם פארניכטען. מאנכעס מאל איז דאס א שלעכטע האנדלונג, מאנכעס מאל א שלעכטער אויסדרוק, אן אנדערש מאל א פאליטישע מגפה, ווידער אמאל שלעכטע צייטען און אלע מאל דער לעבען אליין און די מארעס אין דעם ארט רענקען פון די מאסען. א אלטער ארבייטער מוז פארלאזען דעם שאפ, אן אלטער אקטיאר — די ביהנע און אן אלטער באאמטער — זיין אמט! מיט אן איינציגען אונטערשייד, וואס ווערענד פאר דעם אלטען אקטיאר, אדער דעם אלטען ארבייטער קלאפען אלעמענס הערצער אין סימפאטיע, און פילע פארגיסען נאך א טרער איבער איהם, ווערט דער אלטער באאמטער ארויסגעווארפען און ארונטערגעשלעפט פון זיין הויכקייט מיט צארן און מיט פאראכטונג ביי די מאסען. ווען איינער שטארבט א „פאליטישען טויט", לאזט ער נאך זיך איבער גאנץ ווייניג נאכפאלגער. פארקערט, זיין שטארבען ווערט צופויקט אלס א זיג פאר די נייע, פראגרעסיווע און פרישע כוחות, וועלכע האבען פארטיליגט און אויסגעראטען דאס אלטע, די פארשימעלטע און פארפוילטע פון זייערע רייען.

און אין דער ארבייטער באוועגונג ווערט מען זעהר שנעל אלט. מאנכע ווערען זאגאר אלט איבער נאכט. זאל נאר ארויסקומען א נייער ווארט פאר דעם ארבייטער'ס באפרייאונג, וועלכע האט אין זיך דעם רייץ פון נייקייט און געוואגטקייט און זאל זיך דער פירער נאר נעמען א פאר שטונדען לענגער פאר באטראכטען דעם נייעם מלבוש איידער ער טוט איהם אן צו פאראדירען פאר די מאסען, ווערט ער גלייך געקרוינט אלס קאנסערוואטיוו, אלס אלט און אפגעלעבט. אט נעכטען, דאכט זיך, איז ער געווען פאררעכענט ביי אלעמען אלס רעוואלוציאנער, און היינט — אויס. וויפיל ער זאל ניט פראטעסטירען, וויפיל ער זאל זיך ניט בעטען, וויפיל ער זאל ניט אריינ'טענה'ן, אז זיין נשמה איז נאך אלץ די זעלבע, אז זיין בלוט איז נאך אלץ הייס, אז זיין מארך ארבייט נאך אלץ אין דער זעלבער ריכטונג, אז ער טרוימט נאך אלץ די זעלבע פייערליכע טרוימען פון נעכטען, קאן איהם קיין זאך ניט העלפען. אוועק! — שרייט אויס דעם פאלקס שטימע. דו ביזט א פינסטערער, אפגעלעבטער אלטער, פארשימעלטער קאנסערוואטאר!

אזעלכע זאכען פאסירען אין עפאכע מאכענדע פעריאדען, אזוי ווי היינטיגע צייטען, צום ביישפיל. אין געוועהנליכע צייטען, איז דער פראצעס פון פארניכטונג אביסעלע לאנגזאמער, אבער אלץ דערזעלבער. קיינער קאן ניט אויסמיידען די ענדע, וואס די היילינע ארבייטער באוועגונג ליינט ארויף אויף איהרע אויסערוועהלטע ליבלינגע פון אמאל. צו איינעם קומט עס אביסעל שפעטער, אבער אלץ מיט דעם זעלבען צארן און מיט דער זעלבער ענטשלאסענהייט.

אן ארבייטער פיהרער — א קינד פון פאבריק — קאן נאר געבען זיינע ערוועהלער איין זאך — דעם פייער פון זיין יוגענד. זיין ארבייט באשטעהט אין ארויסגיסען זיין נשמה צו די מאסען, אין געבען יעדען טאג א טייל פון זיין לעבען, אויף אנצינדען די נויטיגע באגייסטערונג אין די מיטגלידער פון זיין ארגאניזאציע. ער רופט, ער שאלט, ער וועקט, ער מינטערט, ער רודערט, ער ברויזט, רייסט די לופט מיט צארן, האס, פארדרוס, פלוך און פארדאמונג, אויף אלע וועלטליכע אונגערעכטיגקייטען — און בעט און פארלאנגט און לויבט און פאדערט א וועלט פון גערעכטיגקייט און ליבע, און ליבע, און ליבע.

אזא ארבייט איז זעהר א דעליקאטע. זי האלט דעם מענשען אין א שטענדיגער אנגעשטרענגטקייט און צושטערט זעהר שנעל די נערווען און די לעבענסקראפט פון מענשען. נאך מעהר אבער איז דער אומגליק וואס רעדעס קאנען ניט אלע זיין די זעלבינע. אז עקטיאר קאן שפילן זיין ראליע הונדערטע מאל. זי וועט פאר איט פארפארטינט ביי אנדערע. א פיהרער פון א יוניאן מוז פאר זיך אליין באשאפען זיין ראלע, און מוז אלע מאל האבען עטוואס נייעס פארצושפילען פאר די מאסען. אזא ארבייט קאן ניט צו לאנג פארטגעזעצט ווערען מיט סוקסעס. דער אמת איז אלע מאל דער זעלבער, און די וועגען ווי אזוי דעם אמת ארויסצוברייננען מוזען זיך ענדליך אויסשעפען, ביז עס מוז קומען א צייט פון ווידערהאלונג פון די זעלבע ווערטער און פון די זעלבינע פראזען, ביז דער עולם ווערט מיד הערענדיג אט דער זעלבער פראזאן מיט די זעלבע ווידערהאלונגען און פאנגט אן צו פראטעסטירען צו זיך אליין: „אה, דאס האבען מיר דאך שוין געהערט! אה, ניט קיין נייעס ווארט ניט געזאגט, אה ער קוואטשעט", און אזוי ארום מאכט ער דעם ערשטען שריט צו זיין ענדע. ווען דאס פאלק ווערט מיד פון אייגעם, מוז ער געהן.

טאמער איז מאנכעס מאל א יוניאן באאמטער נאריש גענוג און ווענדעט אן אלע זיינע קרעפטען צו נעהן געגען דעם שטראם, מיט דעם וואס ער זוכט, דורך פארשידענע פאליטישע מיטלען, אנהאלטען זיין ממשלה לענגער, ווי דער נאטירליכער לעבען קאן איהם אנהאלטען, באצאלט ער ערשט דאן דעם ריכטיגען פרייז. דאמאלסט ווערט ער ארויסגעווארפען און ער איז שוין אלט און צעבראכען; א פיזישער און גייסטיגער שארבען, ווען ער טויג שוין צו קיין זאך אין דער וועלט ניט, אויסער צו „פעדלען" מיט טעאטער טיקעטס, אדער קומען יעדען יאהר נאך א נדבה אויף א „ראפעל" צו זיינע אמאליגע אונטערטאנען. וועה, איז דאן צו איהם!

זעהענדיג אזא סוף פאר זיינע אויגען, טוט יעדער יוניאן באאמטער, גאנץ אפט, צו זיך א זאג:

אנטלויף פון דאנען! וואוהין דיינע אויגען וועלען דיך טראגען, אנטלויף! כל זמן דו האסט נאך לעבען אין זיך, ראטעווע זיך. האב רחמנות אויף דיר, אויף דיין פרוי און דיינע קינדערלאך. קוים בלייבסטו דא, זייט איהר אלע פאראורטיילט צו א לעבען פון אומגליק. זיי וויסען, אז דער מענש קאן זיך פארזארגען אויף זיינע עלטערע יאהרען בלויז ווען ער איז יונג, ווען ער איז אין די דרייסיגער יאהרען. קוים פארשוואונדעסטו דיינע יונגסטע און בעסטע יאהרען אט פאר דעם „שבת-פידע", „דזשאב", ווערסטו נאכהער מוזען אנקומען צו בעטעל ברויט. ביי נאכט, אויף דיין געלעגער, ווען זיינע נערוועז גליהען ווי אנגעבריטע דראטען פון זיין טאג ארבייט, הערט ער א שטימע וואס ווארענט און שרעקט: אנטלויף, דו פוילענצער. פארראט ניט דיינע ארימע קינדערלאך.

און דער יוניאן באאמטער דרעהט זיך אין דרייען און קארטשעט זיך ווי ווארים. ער פיהלט ווי ער ווערט רויט פאר שאנדע פון דיזען געדאנק. ער וואונדערט זיך אויף זיך אליין, וואס פון איהם האט געקאנט ווערען. ער זאל גאר וועגען און מעסטען דעם ווערט פון זיין יוגענד אידעאל מיט דאלארס און סענטען! עס פאנגט איהם אן צו קלינגען אין די אויערען, דער אפקלאנג פון זיינע ווערטער, פון דער רעדע וואס ער האט געהאלטען ביי זיין ערוועהלונג. ער דערהערט קלאר זיין שטימע פון דאן — ווען אלע האבען מיט שטורמדיגע, אפלאדיסמענטען אנגענומען זיין אנבאט „צו געבען אלעס וואס איז אין מיר צו פארבעסערען און פארשעהנערען דעם לעבען פון די, וואס האבען מיר זייער צוטרוי געשענקט." גלייכצייטיג גיט עס איהם א ברען א זידיגער פארוואורף, וואס גיסט איהם אפ מיט א שווייס. ער דערהערט אין דער לופט א קול פול צארען און פארדאמונג: מאך זיך ניט נאריש, היימאן. זוך זיך נאר ניט דיין נשמה אפצונארען מיט דיין זאגענאנטער פילאזאפיע. מאך נאר ניט אזא רחמנות-פנים. דעם שאנד דיינעם ווערסטו קיינמאל ניט פארשפעטיגען... דו האסט זיך איינמאל אונטערגענומען עטוואס צו טאן — טו עס דאן ביז'ן סוף. האסטע גענאסען דעם טעם פון אפלאדיסמענטען, דאן פארזוך אויך דעם פארגעניגען פון קריטיק, פון פארוואורף און פון אונצופרידענהייט מיט דיר. טרינק דיין כוס ביז'ן דעק!...

נאך עס רעדט זיך אזוי, היימאן בעאמטער האט נאך דערמיט די גרויסע דעבאטע ניט געשלאסען. ער קריגט זעהר אפטע געלעגענהייטען צו ווידערהאלען די זעלבעווערטער, נאך מיט מעהר קראפט און מיט מעהר פייער. היימאן בעאמטער האט ניט געקאנט דורכפיהרען זיין פראגראם וואס ער האט פאר זיך אנגעצייכענט אין די ערשטע טעג פון זיין ערוועהלונג. עס האט איהם איינפאך אויסגעפעהלט געדולד דערצו. מיט דער צייט איז ער פארוואנדעלט געווארען אין א בינטעל נערוועז. האט איהר איהם נאר אנגעריהרט איז ער גלייך געוועזן בערייט ארויפצושפרינגען אויף זיין אנגרייפער ווי א פארפאלגטע חיה אויף זיין יעגער. ער האט, מיט דער צייט, אנגעהויבען גלויבען, אז ער איז א קרבן פון דעם ארבייטער'ס אונדאנקבארקייט; אז ער האט זיין גאנצען לעבען געאפפערט פאר זיין אידעאל אהן א מינדעסטער באלוינונג און אהן די מינדעסטע אנערקענונג. ער האט דערזעהען ווי ער בויט א שטארקען און מעכטיגען בנין פאר דער ארבייטער באוועגונג פון וועלכען ער אליין — דער בויער — וועט מיט דער צייט ארויסגעטריבען ווערען. און מאנכעס מאל פלעגט איהם דערפאר ארומכאפען א געפיהל פון צארן און פארדרוס.

מאנכעס מאל, ווידער, דאכט זיך איט אויס אז ער איז איינגאנצען אומגערעכט, אז אין זיין טראגעדיע איז ער גאר אליין שולדיג. ער פאנגט אן צו פיהלען אז ווען ער וואלט געוואלט און וואלט געהאט די נויטיגע פעהיגקייט וואלט זיך זיין געשיכטע גאר אנדערש געלעזען. אמת, ער איז די גאנצע צייט געווען פארנומען מיט רוטינע ארבייט, ער האט אבער אויך געקאנט געפינען צייט אויף אויסצוברייטען זיין פעלד פון קענטשאפט און דערמיט האבען די מעגליכקייט צו געבען די מאסען א מעהר צופרידענשטעלענדען ענטפער אויף די פראגען פון טאג. ער האט געזאלט וויסען אז די צוקונפט איז אימער גאנץ אנדערש פון דער פארגאנגענהייט, אז דער פיהרער פון אמאל קאן ניט זיין דער פיהרער פון היינט, סיידען ער פארפערטיגט זיך טאג-טעגליך מיט דעם נויטיגען גייסטיגען זאפאס צו באגעגענען די צוקונפט. אט אין זיין אייגענער נאכלעסיגקייט הויבט ער אן צו זעהען זיין געפאהר און באשליסט אנצוהויבען פון דאס ניי, גוט צו מאכען זיינע אמאליגע ערווארטונגען. און ער ליבט ווידער זיין ארבייט, ליבט ווידער זיין אידעאל, ער פארגעטערט ווידער די מאסען און אינזיין פארשטעלונגס קראפט נעמט ער זיי אלע ארום און דריקט זיי מיט א פייערדיגער ליבע צו זיין הארץ.

די צייט שטעהט אבער ניט אויף איין ארט. יעדער טאג לאזט איבער זיין איינדרוק אויף היימאן בעאמטער און מאכט א בלוטיגען געוואלד ריס אין זיין מוט, האפנונג און גלויבען. אויף היימאן בעאמטער איז געפאלען דער גורל פון דורכפיהרען די שעהן-אנגעשריבענע און אויסגעדריקטע טעאריען פון די טעארעטיקער אין לעבען. ניט איין מאל פלאגט איהם זיין געוויסען וואס ער האט מקריב געווען א היילינען פרינציפ פאר דער קאלטער וואכעדיגער פראקטיק. ניט איין מאל האט ער שוין אמת-גערעכטע פאדערונגען פון ארבייטער פארשארט אן א זייט, צוליב דעם הויכען פרייז וואס זייער טעגליכע ערווערבונג האט געפאדערט פון זיין ארמעע. זיינע סאלדאטען, די מאסע, האבען אבער פון קיין זאך ניט געוואלט וויסען. זיי זיינען געווען וואכזאמע וועכטער. יעדער עברה זיינע איז ביי זיי געווען פונקטליך פארצייכענט. יעדער אפטריט זייכער פון דער פיינער טעאריע איז געווארען נאטירט אין זייערע מוחות, און מיט אן ענטשלאסענעם און ענטשיידענעם צארן האבען זיי געפאדערט דין וחשבון פאר אלע זיינע קאנסערוואטיווע, פארשימעלטע, שוואכע, שרעקעדיגע, וואקעלדיגע און פיינהאפטע טאטען. און ווידער אמאל פלעגט היימאן בעאמטער דערפיהלען דעם ציטער פון דעם שרעק פאר זיין מארגען, און ווידער אמאל פלעגט זיך אין זיין געדאנק אנצינדען דער אלטער פראגע צייכען: וואוהין טראגט מיך דער שטורעם-ווינד?

אט אזוי טראגט זיך ארום היימאן בעאמטער אויף די כוואליעס פון לעבען. ער ווערט ארומגעווארפען פון צוויי שטראמען, איינער א צארענדיגער, א קאלטער, און א שטורמדיגער, און דער צווייטער א מילדער, אבער מעהר ראשינער. אין דיזען גערויש און געפילדער הערט ער גאנץ דייטליך געגנערישע שטימען. איין שטימע שרייט: אוועק פון דאנען! כאפ זיך ארויס כל זמן דו ביזט נאך יונג. דיין לעבען באלאנגט צו דיר און צו קיין אנדערען. האב מיטלייד מיט דיין פרוי און קינדערלאך. און די צווייטע שטימע בעט און וואראנט: בלייב מיט די ארבייטער, בלייב טריי דיין אידעאל. געדענק די ערשטע מאמענטען פון דיין ערהויבונג. געדענק אז ווען ניט דיין אמט, וואלסטע פון דעם רייץ פון דעם פרעמדען לעבען ניט געוואוסט. היימאן בעאמטער! זיי ניט קיין פארעטער!

טעאטער-טיקעטס פאר האלבע פרייזען.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט געמאכט ארענדזשמענטס מיט'ן אידישען קונסט טעאטער, מעדיסאן עוועניו און 27סטע סטריט, אז די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשאנאל זאלען באקומען טיקעטס צו האלבען פרייז פאר די פארשטעלונגען מאנטאג, דינסטאג, מיטוואך און דאנערשטאג אווענט, און שבת און זונטאג מאטינעעס.

די מיטגלידער וואס ווילען באקומען די בילינע טיקעטס דארפען האבען א קארד צו ווייזען אין באקס אפיס פון טעאטער. די קארדס קאן מען באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער. אזא קארד קאסט בלויז 5 סענט, און איז גוט פאר'ן גאנצען סיזאן.

פינקעלדיגער הימעל מיינער

פון מ. פערעלמוטער.

פינקעלדיגער הימעל מיינער, —
בויג זיך אן צו מיר,
בויג זיך אן צו מיר:
וויפיל מאל האב איך פרובירט צו דיר צוקומען,
בין איך געפאלען אויף די שפיצען פון די שטרויכעל-שטיינער,
אויפ'ן וועג צו דיר...
א פארשעמטער,
א געליימטער,
א פארוואונדעטער בין איך
און ווייס ניט, ווי אזוי,
און האב קיין כוחות ניט
דיין העלען זוים צו גרייכען... —
און דו, דו הערסט ניט אויף צו פינקלען,
יעדען טאג אלץ העלער,
יעדע נאכט — אלץ לויטערער און רויטער...
פינקעלדיגער הימעל מיינער,
בויג זיך אן צו מיר,
בויג זיך אן צו מיר!...

קוויטירונגען פאר רוסלאנד פון די ארבייטער אין די ווייסט און דרעס שעפער.

(שלוס פון זייט 6).

דזש. ראטהבערג — — — — — — 3.00

44.27 ——

א. קאופמאן, 108 גרענד סטריט, ס. ווינשקור, טשערמאן:

ס. ווינשקור — — — — — 3.00
ש. לאקשאנ — — — — — 3.00
א. וועגעטראמסקי — — — — 3.00
ה. סיבינעלס — — — — — 3.00
גנאיק — — — — — — — 1.50
ב. חארשוויק — — — — — 3.00
ס. יאנג — — — — — — 3.00

19.50 ——

בענעט און פאלעק, 11 וו. 17טע סט., מ. קריגעל, טשערמאן:

פארזאלסקי — — — — — — 2.00
גאלדבלאט — — — — — — 2.00
פיין — — — — — — — 2.00
זוסמאן — — — — — — — 2.00
קריגעל — — — — — — — 2.00
דרענגעש — — — — — — 2.00
טרענטעקאלף — — — — — 2.00
וויינשטיין — — — — — — 2.00
עיזענשטאדט — — — — — 2.00
קיססען — — — — — — — 2.00

20.00 ——

טוירטל דרעס קא., 56 א. 8טע סט., י. שאין, טשערמאן:

א. לאוואי — — — — — — 5.00
ב. געלער — — — — — — 5.00
ס. דראבבער — — — — — 5.00
דזש. עיזענמאן — — — — — 1.50
ב. ביללינג — — — — — — 1.50
ס. פילווערמאן — — — — — 1.50
דזש. לאדיקא — — — — — 1.50
ח. מיללער — — — — — — 4.50
י. שאין — — — — — — — 6.00
א. באקי — — — — — — — 5.00
ה. ליפשיץ — — — — — — 3.00
א. קראוויטץ — — — — — 6.00
ה. גילבערט — — — — — — 1.50
ס. בארשאב — — — — — — 1.50
ה. גרעטץ — — — — — — 1.50
ח. גודמאן — — — — — — 4.50
ס. שאנים — — — — — — 5.00

59.50 ——

אוירל דרעס קא., 11 וו. 17טע סט., דזש. ליפארי, טשערמאן:

דזש. ליפארי — — — — — 2.00
ל. קופינסקי — — — — — 2.00
י. קארש — — — — — — 2.00
ק. ווינצי — — — — — — 1.00
מר. פארמער — — — — — 1.00
א. גריללא — — — — — — 2.00
י. סקימסיקער — — — — — 2.00
ס. בראדמאן — — — — — 2.00
ס. פעירמאן — — — — — 2.00

16.00 ——

(וויטערע קוויטירונגען קומט.)

ענינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע.

(שלוס פון זייט 7).

אזוי טייער: ווען מיר וועלען זיי צאהלען קליינע ווידזשעס, וועלען מיר קענען טראגען שעהנערע און בעסערע קליידער; מיר וועלען קענען בעסער לעבען און אונז וועט זיין גוט, ווי די וועלט...

„רבונו של עולם, מיר פארלאזען זיך אויף דיין יושר. העלף אונז פטור ווערען פון די „רעס" יוניאנס, העלף אונז איינפיהרען אפען שעפער, העלף אונז מאכען, אז די ארבייטער זאלען וועלען ארבייטען אזוי לאנג, ווי מיר וועלען זיי הייסען... אמת, מיר מאכען נאך איצטער אויך, א דאנק דיר, גוטע פראפיטען, מיר זיינען איצטער אויך, א דאנק דיר, רייך, און אונזערע פרויען און קינדער האבען זיך נים וואס צו באקלאגען, ווייל זיי האבען פון אלץ דאס גוטס. אבער, וואס מעהר אין בעסער; ווען די ארבייטער וועלען אויפהערען צו לויפען אין זייער יוניאן, ווען זיי וועלען נים פאלגען די פיהרער זייערע, וועט זיין גוט פאר אונז. און מיר וועלען דיר, גרויסער בורא, אלע מאל דאנקבאר זיין.

און דער שרייבער פארענדיגט די „תפילה" ווי פאלגט:

„איהר פרעגט, אויב זייער תפילה וועט אנגענומען ווערען? ניין! די וויסט און דרעסמאכער זיינען גוטע יוניאן־לייט; זיי זיינען פעסט און אייניג אין זייער גרויסען און ערליכען קאמף, און ווען ארבייטער זיינען אייניג, קענען די „שעהנסטע תפילות" פון באסעס קיין ווערטה נים האבען".

קויפט אויסשליסליך:
קאלאסביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

ארבייטער פרויען! מארשירט קעגען מלחמה!

אנטוואפנונגס־פאראד

שבת, 12טען נאוועמבער, 3 אוהר נאכמיטאג

אין וואשינגטאן סקוער

צי די זון וועט שיינען אדער עס וועט רעגענען.

מען וועט מארשירען דורך 5טער עוועניו ביז 57טער סטריט.

באנוצט די געלעגענהייט פון דירעקטער אקציאן צו פארהיטען די לעבענס און צו שאפען א רעגירונג באזירט אויף קאאפעראציאן.

שיקט אייער נאמען צו

עליזאבעטה בלעק, פאראד־סעקרעטערין, רום 1101, 505 5טע עוועניו.

מיר ווילען באלד אן אלוועלטליכע אנטוואפנונג!

זכרונות פון אן אפיקורס

פון יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי

די לעבענס באשרייבונג פון פראפ. י. א. הורוויטש:

די געשיכטע פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג פון דער „נראדנאיא וואליא" ביז צו היינטיגען טאג; די געשיכטע פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער און ארבייטער באוועגונג פאר די לעצטע דרייסיג יאהר

וועט זיך אנהויבען דרוקען אין דער

„פרייע ארבייטער שטימע"

פרייטאג, 11טען נאוועמבער

און וועט פארטגעזעצט ווערען יעדע וואך.

— אין די —

זכרונות פון אן אפיקורס

וועט יצחק אייזיק, אין זיין אייגענארטיגען סטיל, באשרייבען די פילע אינטערעסאנטע פערזענליכקייטען וועלכע ער האט באגעגענט אין זיין לאנג־יאהריגער טעטיגקייט און די ערפארונג וואס ער האט געהאט אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

אן אוצר פון גוטע, באלערענדע לעזע־שטאף

זעהר ווייניג מענשען אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג האבען געהאט אזא בריי־טע רייכע ערפאהרונג און אזא גוטען איינפלוס ווי יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי. קיין אנדערער וואלט עס נעקענט איבערגעבען אין אזא אנציהענדער שפראך.

די „פרייע ארבייטער שטימע" קען מען באקומען אויף אלע סטענדס.

דער פרייז איז 5 סענט א קאפיע. סובסקריפשאן פרייז פאר א יאהר צייט איז $2.50 — מיט א בוך אלס פרייען פרעמיום.

אדרעסירט:

"FREIE ARBEITER STIMME"

23 Rutgers Street, New York City.

מיר גיבען גערעכטיגקייט
צו די וואס ווילען לערנען
דעזיינינג, פעטערן־מייקינג און גריידינג
פון פרויען, מיסעס, רושוניארס, טשילדרענס און אינפאנטס גארמענטס.
זעהט דעם
הויפט קאלעדזש פאר דעזיינינג פעטערן מייקינג
פראפ. י. ראזענפעלד,
דירעקטאר.
222 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער
62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עוו.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינגעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונגען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס,
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

זאך, אבער זי האט נים געשטערט. דער טאטע ווידער האט כלל נישט בעמערקט. ער האט נאר געפרעגט:

— צו וואס דארף מען שטעלען טעפ אויף די פענסטער? קאן מען זיי דען נים שטעלען אויפ'ן אויווען...

האט ביילקע א דערשראקענע געענטפערט:

— די טעפ טאר מען אויפ'ן אויווען נים שטעלען...

און האט געשמייכעלט...

נאר אזוי ווי עס האט זיך דורכ'ן פענסטער דערטראגען א גערויש פון א וואגען, איז דער טאטע ארויסגעלאפען אויפ'ן גאס צו זעהען, אפשר האט דער גוי צו פארקויפען אנ'אכטעל קארן... און די טעפ זיינען געבליבען אויפ'ן פענסטער.

אין א פאר וואכען ארום האבען זיך די פלאנצונגען אין די טעפ צובליהט און זענען עטוואס העכער געווארען...

חיים האט עס באמערקט, האט זיי מיט ערשטוינונג אנגעקוקט און שטרענג זיך אנגערופען:

— איך וואלט שווערען, אז „די מויד" האט פארפלאנצט וואזאנעס; עס בליהט דאך, עס וואקסט דאך...

— און אז עס בליהט, איז וואס? און אז עס וואקסט, איז וואס? — האט ביילקע געענטפערט מיט געבעט און פארוואורף.

נאר חיים, בייז פון שלעכטע מסחרים די וואך, האט זיך צושריען:

— צו וואס בליהען, צו וואס וואקסען צו וואס וואזאנעס?... פריצים זיינען מיר?

— אט זאל וואקסען! — האט זיך די מוטער אריינגעמישט. — עסען בעט עס נים...

דער מאטיוו, אז עסען בעט עס נים, האט אנפאנגס חיים'ען אביסעל אפגעקיהלט פון כעס. און טאקי וואס ארט עס איהם. ווייבאלד אז עסען בעט עס נים...

אבער באלד האט ער זיך דערמאהנט, אז מיט א פאר וואכען צוריק האט מען איהם אפגענארט:

— טא וואס האט איהר געזאגט, אז דאס זענען טעפ?... איך קוק — אויף די פענסטער טעפ...

ביילקע האט אנגעקוקט דער מאמען און געשמייכעלט, ווי זי וואלט געזאגט: אבי גלאט אפגעגאנגען.

האבען אבער די צוויי וואזאנעס נים געוואלט וויסען פון חיים'ס בייזקייט, פון די שלעכטע מסחרים און האבען פון דעם ביסעל וואסער, מיט וואס ביילקע פלעגט זיי אלע טאג באגיסען, אנגעהויבען וואקסען אין דער לענג און אין דער ברייט. אין שטוב זענען די לעבעדיגע וואס א טאג בלאסער, מאגערער און פארוועלקטער געווארען, און זיי, די צוויי וואזאנעס, האבען געבליהט און געבליהט און האבען פארנומען די גאנצע צוויי פענסטער מיט זייערע צווייגען, קנאספען און בלעטער און האבען זיך פון קיין זאך נים געמאכט וויסענדיג.

—ווי זיי בליהען! — האט ביילקע איהר ענטציקונג אין איין טאג אויסגעדריקט.

— יא, זיי וואקסען שעהן! — האט די מוטער, קעגעטעגדיג דאס ברוים, באשטעטיגט, — להבדיל, ווי א מענש, אז איהם געהט גוט...

דא איז אבער דער געשפרעך איבערגעריסען געווארען: דער טאטע, א בייזער און א צורייצטער, איז אריין פון גאס און זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

ביילקע איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט זיך געשטעלט מיט'ן פלייצע צו דער וואזאנע און מיט'ן געזיכט צום שטוב — דאס האט זי איהר געוואלט באשיצען...

באלד אבער האט זיך דערהערט א גערודער פון רעדער...

חיים האט בייז אויסגעברומט:

—א גוי פאהרט, לאז מיר א קוק טאן.

ביילקע איז מיט שרעק אפגעגאנגען פון פענסטער און האט מיט די אויגען געהיט די וואזאנעס.

—די וואזאנע פארשטעלט דאך די שיין! — האט חיים אויסגעשריען. — נעהם זי צו פון פענסטער, דאס פענסטער איז דאך מיין ברוים!...

ביילקע האט בימער אפגעזיפצט, האט מיט גרוים ליבשאפט גענומען די וואזאנע פון פענסטער און אוועקגעשטעלט אויף דעם צווייטען, וואו די אנדערע איז געשטאנען.

פאר ביידע וואזאנעס איז אבער אויף איין פענסטער קיין פלאץ נים געווען: די צווייגען און בלעטער האבען זיך פארפלאנטערט איינע אין די אנדערע און ביילקען האט זיך געדאכט, אז זיי קריגען זיך, ווי לעבעדיגע מענשען, ווען זיי איז ענג...

זי איז מיט א זיפץ אפגעגאנגען פון פענסטער און פארויסגעזעהען זייער גיכען סוף...

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ל. זית. — וועט פארעפענטליכט ווערען, אבער נים אזוי גיך, ווי איהר און מיר וואלטען געוואונשען. פשוט, עס מוזען צוערשט פארעפענטליכט ווערען אלע די, וועלכע זיינען אנגעקומען פאר אייערע.

ק. ה. — מיר האבען נאך קיינמאל נים געהערט פון אזא מין טעאריע, ווי איהר מיינט זי איז דא, בנוגע צום געשלעכטס־לעבען. אז מען קאן זיך באגעהן, און מען באגעהט זיך אהן די פארשיידענע רעליגיעזע צערעמאניעס, דאס איז נים נאר קיין טעאריע, נאר א גאנץ שטארק אנגעהענדע פראקטיק, אבער דאס מיינט נאך נים, אז דאס זאל דערגעהן אזוי ווייט, ווי עס דערגעהט זיך אין דעם צודולטען מוח פון אייער איינגעלישען העלד. און אז ער האט שוין געזעהן איהר לייענען געוויסע ביכלאך, מוז זי עס דוקא גלויבען אין זיי? מוז זי זיך פיהרען, לוים די העלדינען און העלדען אין יענע ביכלאך? וואס פאר אן ארגזין! הייננט ווי דער יונגערמאן רעדט צו איהר, דאס איז דאך אזוי משוגע'דיג ווילד, אז, ווען זי וואלט אפילו געווען גענייגט צו האנדלען אין איינקלאנג מיט דער „טעאריע", וואלט זי זיכער געקאנט געפינען איינעם, וואס זאל זיין מעהר מענש, נים אזא נארישען אינגעל... די טעמע אן און פאר זיך איז א גאנץ גוטע, אבער זי האט באדארפט גאנץ אנדערש באהאנדעלט ווערען. אונז דאכט זיך, אז ווען איהר וואלט איהם געלאזט נעמען איהר אהיים פון באל, אויפ'ן וועג פארפירען מיט איהר א געשפרעך פון דעם זעלבען כאראקטער, נאר אין א גאנץ אנדער פארמע, דאן וואלט עס געווען גאנץ נאטירליך, און דאס וואלט געקאנט פארעפענטליכט ווערען. אין דער איצטיגער פארמע קאן עס בשום אופן נים פארעפענטליכט ווערען.

נ. ב—ן. — מיר געפינען נים דעם איצטיגען מאמענט פאר דעם פאסענדען פאר דער זאך. מיר באהאלטען עס אבער, און ביי דער ריכטיגער געלעגענהייט וועלען מיר עס זיכער פארעפענטליכען.

צו דעם, וואס האט מורא אונטערצושרייבען זיין נאמען. — די גאנצע אנגעלעגענהייט איז שטרענג אונטערזוכט געווארען. און אט איז דער רעזולטאט: ווערענד עס איז אמת, אז טיקעטס זיינען יא פארקויפט געווארען צום באזעצענדען באס, וועגען וואס עס מעג זיין א פראגע, צי עס איז רעכט פאר אן ארבייטער פארשטעהער אזוי צו האנדלען, אפילו, ווען דאס איז פאר דעם בעסטען צוועק, איז עס אבער קיינמאל נים פארשטאנען געווארען, אז דער באס זאל פון זיין זייט זיי ווידער פארקויפען צו די ארבייטער. די ארבייטער האבען געהאט א פאלשטענדיגע רעכט זיך צו אנטזאגען פון צו קויפען די טיקעטס, און וואלט דער באס פון זיין זייט געוואגט צו טאן דאס מינדעסטע קעגען אזא ארבייטער, וואלט איהם די יוניאן געשיצט מיט אלע איהרע כוחות. וואס אנבאטרעפט אייער מיינונג וועגען א געוויסע פערזאן, איז זי גאנץ ריכטיג. קיינער איז אין דער יוניאן נים פון קיין בעסערע מיינונג וועגען איהם. דאך, א דאנק פארשיידענע אומשטענדען, מוז מען פאר א צייט פון איהם ליידען. לאמיר האפען, אז עס וועט נים נעמען לאנג, און די גוטע, נויטיגע זאך וועט געטאן ווערען גאנץ גרינגליך. נאך עפעס. מיר האבען מיט אייער בריף, כאטש עס איז נים געווען אונטערגעשריבען, געמאכט אן אויסנאם און געענטפערט אויף איהם. געוועהנליך ענטפערען מיר נאר נים אויף אנאנימע בריף. ווארים ווער קאן וויסען פון וועמען זיי קומען? אלזא, אין דער צוקונפט, אויב איהר וועט פארלאנגען פון אונז אן ענטפער, מוזט איהר אונז אנגעבען אייער פולען און ריכטיגען נאמען, און איהר דארפט גאר נים מורא האבען, אז מיר זאלען אייך חלילה פארראטען. אויב אימיצער האט אזוי ווייניג צוטרוי צום רעדאקטאר, דארף ער דאך איבערהויפט צו איהם נים שרייבען.

ר. מענדעלסאן. — מיר קאנען נים קלוג ווערען פון אייער קורצען בריוועל. אין וועלכען עס ווערט אנגעגעבען אייער אדרעס, און אין וועלכען איהר רעדט פון א בריף, וואס איהר זאלט האבען אונז געשיקט מיט א טאג פריהער. מיר האבען אזא בריף נים ערהאלטען. אויב עס איז געווען עפעס וויכטיגעס, און אויב עס איז שוין נים צו שפעט, זייט איהר געבעטען אונז צו שרייבען נאך אמאל.

מ. ציננקין. — אייער בריף ווערט פארעפענטליכט, כאטש אונז דאכט זיך, אז איהר האט נים גאנץ ריכטיג אויסגעטייטשט אונזערע ווערטער אין דעם רעפארט. דער פאקט איז, אז וואס אנבאטרעפט די אינטערנעישאנאל, איז קיינמאל, לוים אונזער וויסען, נים אויסגעגעבען געווארען קיין סענט, וואס זאל נים זיין צום וואויל און בעסטען פון דער ארגאניזאציע. די אינטערנעישאנאל האט אויסער געלעבט פון האנט אין מויל אריין, אזוי, דאס עס האט קוים געסטייעט אויף דאס סאמע נויטיגסטע. וואס ווידער אנבאטרעפט א געוויסע עקאנאמיע אין פילע פון אונזערע לאקאלס, דענקען מיר אויך נים, אז מען קאן באדויערען דעם אויפטאן מיט אזא מין עקאנאמיזירען. עס זיינען דא פילע פעלע, ווען אזא מין פינאנציעל־ערשפארניש קאן דער יוניאן צו מעהר קאסטען. אין דער זעלבער צייט אויב עס איז דא א מעגליכקייט צו מאכען אביסעל עקאנאמיע, און די יוניאן זאל דערביי נים ליידען, דארף עס געטאן ווערען. ווארום ברודער זיגמאנ'ס פלאן איז דאן נים דורכגעפירט געווארען, ווייסען מיר נים אויף זיכער, ווארשיינליך האט ער זיך אנגעשטויסען אן געוויסע שוועריגקייטען. אויך ווייסען מיר נים, אויב עס וועט מעגליך זיין אין דער צוקונפט. אין איין זאך זיינען מיר אבער זיכער, אז דער איצטיגער מאמענט איז געווים נים זעהר פאססענד פאר א דיסקוסיאן וועגען דעם.

ב. סיגאל. — מיר האבען געהערט וועגען זיין „לעקטשור" איבער דעם, אין וועלכער ער האט ווידערהאלט אלע זיינע טענות, וועלכע זיינען געווען פארעפענטליכט אין דער „גערעכטיגקייט", און אויף וועלכע מיר האבען געענטפערט. טא וואס קאנען מיר מעהר זאגען וועגען דעם, ווי דאס דער ברודער מוז האבען צו פיל פרייע צייט, און אז ער האט נים וואס בילערעס צו טאן, איז דאס אויך ביי איהם אן ארבייט. מיר האבען ערקלערט, און מיר בלייבען דערביי, אז פאר אונז אין דער „גערעכטיגקייט" איז די גאנצע פראגע ערלעדיגט. צי דאס וועט פארקומען פאר דער קאנווענשאן, צי נים, דאס ווייסען מיר נים. פארגעסט נים, אז דער שרייבער פון דיזע שורות איז נים קיין מיטגליד פון דער ארגאניזאציאן, קאן נים זיין, פאלגליך, קיין דעלעגאט צו דער קאנווענשאן, און האט דערום גאר נים די מעגליכקייט נים נאר צו דיקטירען, נאר זאגאר אויפצוהויבען אירגענד וועלכע פראגע פאר דער קאנווענשאן.

ב. האלפערן. — דזשארדזש דזשייקאב פענקין איז נים געשטאנען אין קיין קאלעדזש, אין קיין אוניווערזיטעט. זיין קאלעדזש, זיין אוניווערזיטעט איז געווען דער סוועטשאפ. אלעס וואס ער ווייס, האט ער אליין געלערענט אין די שטונדען נאך דער ארבייט. און נאך מעהר אין דער ארבייטער באוועגונג. זי איז געווען די שולע, אין וועלכער ער האט געלערענט פלייסיג. ער איז א קינד, א פראדוקט פון דער איסט סייד, פלייש פון איהר פלייש, בלוט פון איהר בלוט. פיו פריהער, ווען ער האט געהאט זיין לא־אפיס, און פיו שפעטער, ווען ער איז אויפגעהאלטען געווארען אלס דזשאדזש, האט ער זיין גאנצע פרייע צייט גע־ווידמעט צו דער ארבייטער באוועגונג און צו דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע. באזונדערס פיל און מיט גרויס איבערגעבענהייט האט ער געארבייט פאר דער אמאלגאמייטעד. ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האבען געהאלפען בויען דיזע גרויסע קערפערשאפט, ווען עס איז געווארען ווייטער אוממעגליך פאר די אידישע שניידער צו זיין מיט די גארמענט ווארקערס אונטער דער פיהרערשאפט פון ריקערט און לארדזשער. אויב אימיצער דארף ארבייטען אין דעם איצטיגען וואהל פאר דזשייקאב פענקין, דארפען עס טאן די אידישע ארבייטער בכלל, און די מעמבערס פון דער אמאלגאמייטעד בפרט. געווים, קאן דא גאר קיין רעדע נים זיין פון אויסוועהלען פענקינ'ען אלס מעיאר. נים עס איז מעגליך, און נים עס וואלט געווען ווינשענסווערט.. צוליב גאר פילע טעמים, אין וועלכע עס איז נים נויטיג זיך דא אריינצולאזען, אבער עס וועט אונז ווירקליך וואונדערן, אויב פענקין זאל נים קריגען דעם העכסט מעגליכען וואוט פון דער איסט סייד, אויף צו להכעיס דעם הייפעלע אימפאסיבילימען אין אונזער קליינער וועלטעל. וואס אנבאטרעפט די צוויי קאנדידאטען אויף מעיאר, קאנען מיר אייך ענטפערען מיט היינע'ס ווערטער: „זיי שטינקען ביידע". איינער איז נים בעסער פון צווייטען. און אונז הויבט נים אן צו אינטערעסירען, ווער פון זיי וועט זיין דער בעל־הבית איבער ניו יארק פאר די נעקסטע פיער יאהר. מיר מוזען אבער זאגען, אז עס איז כאראקטעריסטיש פאר דער באפעלקערונג פון ניו יארק, אז דער איצטיגער מעיאר, וועמעס כאראקטערקייט אין אלע הינזיכטען איז אזוי גוט באקאנט, האט דאך די בעסטע שאנסען אויסגעוועהלט צו ווערען פאר די נעקסטע פיער יאהר. דאס איז ווידער אמאל א באווייז, ווי נאהענט מיר זיינען פון דער סאציאלער רעוואלוציע... נים, אמשר?

זש. ב—רק.—איהר האט לאך נים פארלארען די געדולד מיט אונז? זייט איהר ווירקליך שטארקער פון אייזען. האבען נאך אלץ נים געהאט די נויטיגע ביסעל צייט איבערצולייענען דאס בוך. מיר האבען אבער שוין אנגעפאנגען, און עס איז א סברא, אז אין גיכען וועלען מיר קאנען אייך לאזען וויסען אונזער מיינונג.

תלוש. — מיר האבען איבערגעלייענט אייער בוך ערצעהלונגען מיט א גאנץ באזונדערן אינטערעס. מיר גלויבען נים, דאס אייער בוך וועט ארויסרופען ביי וועמען עס איז א באזונדער חשק צו מאהנען נאך שלעכטיגע. און דערפאר אליין איז עס נים בלויז אן אנערקענטער בוך, נאר אויך זעהר א ניצליך בוך. א גרויסען דאנק פאר צושיקען אונז אייער ערשטעס ווערק — א זאמלונג פון שעהנע גאנץ שעהנע איבערעסאנטע ערצעהלונגען.

אבליינונג באצאהלט זיך נים
הילט אייער פארקילונג היינט
HILL'S CASCARA QUININE BROMIDE
הילס ס. ב. ק. טאבלעטס
W. H. HILL COMPANY, DETROIT

מיטגלידער פון לאקאל 123!

אונזער אפיס האט צוריק גע־מופ'ט אין אונזער אלטער היים, אין 231 איסט 14טע סטריט. אלע ביזנעס פון דעם לאקאל וועט'ען איצט אטענדעט ווערן אין דעם אפיס.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

אויפמערקזאם!

ספעציעלע מיטינגען

וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג, 7טען נאוועמבער, 8 אוהר אוונט

אין פאלגענדע פלעצער

אלע ניו יארקער פרעסערס וועלען מיטען אין „פארווערטס" האלל, 175 איסט בראדוועי.

אלע בראנזווילער פרעסערס וועלען מיטען אין 219 סאקמאן סטריט, בראנזווילער לייבאר ליסעאום.

עס וועט פארגענומען ווערען די רעקאמענדיישאנס פון דער אפּדזשעקשאן קאמיטע. קומט אלע צו די מיטינגען.

ברייננט מיט זיך אייערע יוניאן ביכלאך ווייל נאר מעמבערס פון לאקאל 35 וועלען קאנען זיין ביי די מיטינגען.

דזש. ברעסלאו, מענעדזשער.

סלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1

אויפמערקזאם!

די לעצטע צייט האבען זיך אנגעפאנגען צו פארמעהרען די קאר־פארייזשאן שעפער. די עקזעקוטיווע באארד, אריינטראכטענדיג זיך אין דער פראגע, האט באשלאסען צו מאכען א ספעציעלע אונטערזוכונג אין דער אנגעלעגענהייט אום אויסצוגעפינען די אורזאכען וואס מאכען די־זען איבעל זיך צו פארגרעסערען און במילא וועט שוין געפונען ווערען מיטלען ווי דאס צו באזייטיגען.

ברידער, אויב איהר ווייסט פון אזעלכע שעפער, זייט איהר אויפ־געפאדערט צו קומען אין אפיס פון לאקאל 1, אריינברייינגען די נעמען און אדרעסען און דערמיט העלפען אונז צו באזייטיגען דיזען איבעל וואס איז א רואינע פאר אונזער טרייד.

מיט גרוס,

עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1

ב. קאפלאן, טשערמאן. ב. שעהן, מענעדזשער־סעק.

אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייטען אין לערנען? פארגעסען די זייערע לעקציעס צו שנעל? איז זייער זכרון שוואך אדער שוואך?

אין פיעלע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע [illegible] און א פאר גוט [illegible] ברילען [illegible] בעפרייען פון זייער שוועריגקייט און העלפען די און [illegible] לערנען.

[illegible] מיט דר. בעקער'ז און אויגען פון דייער [illegible] א [illegible] וואס [illegible] פון דייערע אויגען.

5 [illegible] אין [illegible]

Dr. Barnett L. Becker

[illegible]

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
102 לענאקס עוועניו	1709 פיטקין עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT BECKER

סלאוקמאכער אויפמערקזאם!

אין איינקלאנג מיט אונזער אגרימענט מוז יעדער ארבייטער פון טרייד קריגען זיין „פעי" אין קעש.

דארום פאדערען מיר אייך אויף ניט צו נעמען קיינע טשעקס פון אייערע בעל־הבתים, און מיט דעם וועט איהר פארמיידען פיעל טראבעל פאר אייך און דער יוניאן.

מיט גרוס,

דזש. באארד סלאוק און סקוירט מאכער יוניאן

ל. לאנגער, סעקרעטער.

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פארלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלט צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויס־געלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלט.

נעהמט איצט א קורס

— אין די —

מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באל־דיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול אוו גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליי־דער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען. פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אווענט קלאסען. גוטע באדינגונגען.

שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט און אויסקינפטע. אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.), NEW YORK

Phone: Stuyvesant 8383

Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

סלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

מיר פאדערען אויף אלע מעמבערס וועלכע האבען לעצטענס געמופט פון זייערע וואוינונגען אדער דורך אן אנדער אורזאכע געביטען זייער אדרעס, גלייך צו לאזען וויסן אייער נייעם אדרעס אין אונזער אפיס פון לאקאל.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9

אידאר סארקין, מענעדזשער.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קענט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מארערן סיסטעם" פון פעטערן־מייקינג, גריידינג, דראפטינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון לידיס, מיסעס און טשילדרען'ס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען. קומט איינער וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי.

114 וועסט 44טע סט., רום 701 אנטקעגען דעם בעלאסקא טעאטער.

קוויטירונגען פון די קלאוק שעפער פאר דעם האלבען טאג ארבייט פאר סאוועט־רוסלאנד

(שלוס פון זייט 3.)

מאנדעלבאום — 2.50
ווינדלין — 3.00
האבער — 2.25
ר. האבער — 2.00
אסטראווסקי — 3.00
קרעניט — 6.35
פעלדמאן — 6.35
אלגא — 3.20
דזשוליא — 2.50
שער — 3.00
ספאגנאלא — 3.00
א. גראסס — 5.00
אדלער — 5.00
דזשעיווען — 2.80
שווארץ — 3.00
לעיהמס — 3.00
פומסקי — 3.00
עלסי פרעיל — 2.70
ד. קאהען — 4.50
סעידי קאהען — 2.00
קאפלאן — 3.00
מאליסמאן — 2.35
פאלאק — 4.50
לילי ראזענבערג — 2.00
רובינשטיין — 2.50
מארים בעילעס — 4.50
פעני בייקער — 2.50
מרס. פיינבערג — 2.00
קלארא שווארצפעלד — 2.50
הארי דעקלאר — 4.50
275.88

מאקס רובעל און קאָ., גארמענט צענטער, דורך א. קארלין, משערמאן:

איזי ווייסבארד — 5.30
ס. שניידערמאן — 5.30
מ. בראדער — 3.70
ב. שלאמאק — 6.45
דזש. בערמאן — 6.45
מ. צוקערמאן — 3.70
ב. באדלאנדער — 6.65
מ. שניידער — 5.05
מ. בראנדעס — 6.00
א. דייווידסאן — 4.10
ב. גאלדשטיין — 6.00
ר. רודניטסקי — 5.05
מ. אשעראף — 6.90
משיאם — 3.65
איזי סטיינבערג — 5.05
ראבערטא לאמבאום — 4.10
א. קארלין — 6.00
אידעל 23: — 5.30
מ. קרעימער — 5.00
בעקי זולעבאווסקי — 4.00
דזש. אשעראף — 5.45
מ. מאסקאוויץ — 2.50
ת. שאפירא — 5.30
פ. מראגער — 5.30
מערי 135 — 3.70
מאלי 137 — 4.10
מ. יאנאוויץ — 4.25
ת. פראמאווסקי — 6.90
דזש. רובין — 5.00
ל. ראדערמאן — 5.05
ל. העימאן — 6.80
ראזי — 2.00
ס. האפצימער — 5.90
נומער 147 — 4.55
סעם סטיין — 5.05
ב. האראוויטש — 4.70
מייער גאלדבערג — 5.00
פ. גאקאנדי — 5.00
דזש. קאפאטיאנע — 5.00
פעני, 184 — 3.70
סאפי, 185 — 2.90
נומער 187 — 2.00
נומער 189 — 5.30
209.20

אבערקראמביע און פיטש קאָ., מעדיסאן עוועניו און 46טע סטריט:

זשאן קוואטראטשי — 4.18
מאריא גאלוסציא — 4.28
דאמעניקא גאלוסציא — 4.28
דזשוזעפע סאלארינא — 4.28
זשאן גאפרידא — 4.28
אלעסאנדרא ד'אגיואילא — 4.09
ערנעסטא מעלאס — 4.18
דזשוזעפע דעל גריקא — 4.09
זשאן קאסטעלאנא — 4.18
גאעטאנא דעפאריעס — 3.32
זשעראדא גאללא — 3.82
44.98

אבערקראמבי ענד פיטש:

אנטאניא ל'סקאליא — 3.64
פאסקואל סקארפאנא — 3.64
ארא קאפימעלי — 3.92
פראנציסקא קארענטין — 3.82
וויטאריא רעימאנדא — 3.64
דזשיאוואני סובעס — 3.92
ווינצענזא קארמאנא — 3.92
רימא פאנועלי — 3.64
קאסטענזא קארמאלאנגא — 2.92
עלווירא ד'ארזיא — 2.82
ראזינא סוריקא — 2.45
דזשעני מאסקא — 1.36
84.67

לארבער, 501 פינפטע עוועניו:

פאלעי — 4.00
לארבער — 4.00
ראזאן — 4.00
רובינשטיין — 4.00
אדלער — 4.00
ווארשאווסקי — 4.00
לעישער — 4.00
נאמיקראוו — 4.00
לאוויק — 4.00
סימינסקי — 4.00

זאנטא — 4.00
דעציקא — 4.00
פאסקוצי — 4.00
פיררא — 4.00
לואיגי — 4.00
יזשאזאפי — 4.00
זאבקאל — 4.00
68.00

זרי בענדעל, 57טע סטריט:

קארטי — 4.50
ברעזוועק — 5.50

דזש. רוזיקא — 5.00
בלארזעק — 5.00
לובין — 5.00
משעה — 4.50
מארעטי — 4.50
ד. רייאפט — 4.50
קילל — 5.00
43.50

(ווייטערע קוויטירונגען קומט.)

Happiness For Every Home

— קויפט אייער וויקטראלא דירעקט פון —

סאול בוירנס

גרויסארטיגע, שעהנע אינסטרומענטע, וועלכע גיבען ארויס א קלארען טאן, פיינע ארבעט, אויסגעשטאטעט מיט די לעצטע פאטענטירטע אויסבעסערונגען. פאר דעם פרייז פון $100 איז עס א זעלטענע מציאה. נאך מעהר איז עס דורך אונזער ספעציעלען אפפער.

— א ספעשעל אפפער יעצט —



SONORA. — $100.

VICTROLA — $100.

סאנארא פאטהע בלויז **$5** מאנאטליך

עכטע וויקטראלא אין פיריאד קאבינעטס — בלויז $100

וויקטראלא, גראפאנאלא בלויז **$5** מאנאטליך

מיט 10 רעקארדס צוזאמען $110

אהנע אינצאהלען

—אנדערע סטיילס פון $25 ביז $1,250—

א סייל פון פיאנאס און פלייער פיאנאס וואס טויזענדע האבען פערלאנגט, מיט א פרייז וואס גיט א מעגליכקייט יעדען צו בעזיצען א מוזיקאלישען אינסטרומענט.



דיזע פראכטפאלע נייע

פלייער־פיאנא $495

בלויז 3 דאלאר א וואך

דא האט איהר אן אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייט

א משענס צו קויפען א פיאנא פון קוואליטי און סורוויס צו א גרויסער שפארונג פאר אייך!

דיזע פיאנאס, וואס שטעלען מיט זיך פאר די פיינסטע אינסטרומענטס וואס זיינען ווען געמאכט געווארען, זיי אין טאן, זיי אין קאבינעט — זיינען ספעציעל רעדוצירט געווארען, און דער פאקט, וואס זיי ווערען פערקויפט אין סאול בוירנס סטארס גיט זיי א דאפעלטע גאראנטי — פון דעם מייסער און פון סאול בוירנס.

און אום צו מאכען מעגליך פאר כמעט יעדע פאמיליע צו פערמאגען א פיאנא אויף יום טובים, וועלען מיר געבען די ליבעראלסטע בעדינגונגען



דיזע נייע אפרייט

פיאנא $275

בלויז 2 דאלאר א וואך

מיר טרויען אייך. קיינע רעפערענס ניט נויטיג.

אונזערע סטארס זיינען אפען יעדען אבענד און זונטאג ביז 10 אוהר.

SAUL BIRNS

STORES OF SATISFACTION

BRONX	WASH. HEIGHTS	BROOKLYN	DOWN TOWN
813 וועסטשעסטער עוו. ניער פראספעקט עוו. סטוים בענק בילדינג פהאן: 2856 מעלראָוז	595 וו. 181טע סט. ניער סט. ניקאלאס עוו. סעבערי בילדינג פהאן: 9007 וואדסווארטה	1730 פיטקין עוו. ניער שוטארן סטריט פהאן: גלענמאר 7284	111 סעקאנד עוו. ניער 7טע סט. פהאן: ארטשערד 8271

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפּה. (איוב, כ"ז, 6). אַז מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּלאָזען.

אַרבייטער פון אַלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לײדיס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן

Vol. III. No. 46. New York, Friday, November 11, 1921. פרייטאג, 11טער נאוועמבער, 1921. PRICE 3 CENTS

די קלאָוקמאַכער זיינען גרייט אויפצונעמען דעם קאַמף מיט די בעלי־בתים

דער באַגייסטערטער שאַפּ־טשערמאַן מיטינג אין קופּער יוניאָן.— „די באַסעס בלאָפען אַז מיר ווילען שטיק אַרבייט" — שרייען די מאַסען קלאָוק מאַכער. — „מיר זיינען גרייט צו סטרייקען קעגען דער דעספּאָטיע פון די באַסעס, אפילו אַ יאָהר!" איז זייער ענטשידענער ענטפער. — שלעזינגער, יאַנאָווסקי און פיינבערג ווערען אויפגענומען מיט ליבע און ענטוזיאַזם. — פּרעזידענט שלעזינגער לייקענט ענערגיש אָפּ אַלע בלאָפס פון די מאַנופעקטשורערס אין דער פּרעס. — די לאַגע אין אַלגעמיין.

דער סטרייק־רעפערענדום דער גרעסטער וואוט אין דער געשיכטע פון דער יוניאָן!

מאָנטאַג, דינסטאַג און מיטוואָך האָבען זיך געצויגען לאַנגע שורות פון קלאָוקמאַכער אין אַלע אָפיסעס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, צו זאָגען זייער וואָרט, אויב זיי ווילען ווידער אַנהויבען אַרבייטען פון שטיק, ווי דאָס ווערט פון דער „פּראָטעקטיוו אַסס'ן" באַהויפּטעט, אָדער דאָס איז אַ ליגען, אַ בלבול בלויז, אַבּיזיכטליך אויסגעטראַכט פון די באַסעס, צו פאַרטומלען די עפענטליכע מיינונג.

און מען האָט גאַר ניט געדאַרפט זיך איינהערען צו די שמועסען פון די קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען געשטאַנען „אין ליין" אָפּצוגעבען זייער שטימע אין דעם רעפערענדום, צו וויסען וואָס זיי געהען טאָן, ווי זיי ווילען שטימען — צו ווילען זיי שטימען אַנצונעהמען דעם „אוקאַז" פון די באַלעבאַטים, אָדער זיי ווילען שטימען עס מיט פאַראַכטונג צוריקצואווייזען. עס איז גענוג געווען בלויז די מאַסע אין די ליינס ביים שטימקאַסטען אַנצוקוקען, אריינקוקען אין זייערע אויגען און באַטראַכטען דעם אויסדרוק אויף זייערע פּנים'ער, צו וויסען ווי אַזוי זיי ווילען שטימען. די ענטרישטונג וואָס איז געווען אויף זייערע פּנים'ער האָט געזאָגט קלאָר און דייטליך: „אונזער ענטפער איז — נידער מיט'ן אוקאַז פון די באַלעבאַטים! מיר וועלען קיינמאָל ניט דערלאָזען, זיי זאָלען באַשטימען אונזער שיקזאַל!".

ווען די צייטונג געהט צום דרוק, שטימט מען נאָך אַלץ. ווען אָט די שורות וועלען געלייענט ווערען, וועט שוין, אפשר, דורך דער טעגליכער פּרעסע זיין באַקאַנט דער גענויער רעזולטאַט פון דער רעפערענדום־אָפּשטימונג, אָבער מיר קאָנען שוין זאָגען גאַנץ באַשטימט, דאָס דער רעפערענדום וועט צוריקווייזען דעם אוקאַז פון די באַלעבאַטים און וועט פאָלשטענדיג גוטהייסען די ענערגישע שטעלונג פון דער יוניאָן.

די רעפערענדום־אָפּשטימונג וועט אויך זיין דער גרעסטער וואוט אין דער געשיכטע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. נאָך קיין מאָל פריהער האָט אַזאַ גרויסע צאָהל מיטגלידער פון דער יוניאָן זיך ניט באַטייליגט אין אַן אָפּשטימונג, אפילו ווען עס האָט געהאַנדעלט ביי אַ סטרייק. דעם מאָל אָבער האָט דער אויטאָקראַטישער „אוקאַז" פון די באַלעבאַטים אַזוי אויפגעבראַכט די קלאָוקמאַכער, דאָס קיינער האָט ניט געקענט מעהר פאַרבלייבען גלייכגילטיג, און די גרויסע מיטגלידערשאַפט פון דער מעכטיגער יוניאָן איז געקומען זאָגען איהר וואָרט. און איהר וואָרט וועט שטום מאַכען די פאַלשע באַהויפּטונג פון דער פּראָטעקטיוו, אַז די אַרבייטער ווילען צוריק די שטיק־אַרבייט מיט'ן „סוועטינג סיסטעם" פון אַמאָל! איהר וואָרט וועט געוויס זיין, אַ גוטהייסונג פון קאַמף געגען די באַלעבאַטים, צו באַשיצען די אינטערעסען פון די קלאָוקמאַכער אין די שעפּער.

דער ערשטער ענטפער פון די קלאָוקמאַכער גופא, פון די מאַסען, אויף דעם שענדליכען „אוקאַז" פון דער „פּראָטעקטיוו אַסס'ן", איז געגעבען געוואָרען פאַראַכטאָגען מיטוואָך אין קופּער יוניאָן, אויף דעם זעהר באַגייסטערטען מיטינג פון די טשערליים פון די קלאָוק שעפּער אין גרויס ניו יאָרק. און דער ענטפער איז געווען אַ מעכטיגער און אַ גאַנץ קלאָרער; דער ענטפער איז געווען שטאַרק און מעכטיג און האָט געלויטעט: „נידער מיט'ן אוקאַז פון די באָסעס, לאַנג זאָל לעבען אונזער מעכטיגע יוניאָן!"

די טשערליים זיינען די בעסטע פון דער יוניאָן אין שאָפּ. זיי זיינען אָבער פריוויליגע בעאַמטע, זיי ווערען אויסגעקליבען פון די אַרבייטער אין די שעפּער און זיי זיינען אַליין אַרבייטער אין די שעפּער. זיי וויסען גענוי דעם סענטימענט פון אַלע אַרבייטער אין די שעפּער און זייער ענטפער קאָן גאַנץ גוט אָנגענומען ווערען פאַר דעם ענטפער פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט פון די קלאָוקמאַכער יוניאָן. און זייער ענטפער איז געווען [illegible]

זיין זעלבסט־הערשער אין די שעפּער און ווילען איינשמועסען דעם „ווערטען פּובליקום", אַז די אַרבייטער, די קלאָוקמאַכער, ווילען עס האָבען. זיי האָבען פשוט געבורענט פון צאָרן קעגען די באַלעבאַטים פאַר דער געמיינהייט! און

זיי האָבען געהאַלטען אין איין ווידערהאָלען, אַז דאָס איז אַ פּאַסקודנער ליגען!

און אָט די קריגערישע שטימונג איז ניט געקומען דורך די רעדנער, די רעדנער פון דעם מיטינג האָבען די שטימונג ניט געשאַפען. זיי האָבען צו קיין קאַמף ניט געהעצט פאַרקערט, צו אַ געוויסען גראַד האָבען זיי געפּרובט דעם גייסט צוריקהאַלטען. די רעדנער, שלעזינגער, פיינבערג און יאַנאָווסקי, האָבען געשילדערט די לאַגע און קלאָר געמאַכט פאַר'ן עולם די ערנסטקייט פון מאָמענט. זיי האָבען ניט אַרויסגעפאָדערט די אַרבייטער צום קאַמף, — זיי האָבען בלויז דערקלערט די אַרבייטער די לאַגע און געפרעגט ביי זיי, ביים עולם אין זאַל, וואָס זיי דענקען, עס דאַרף איצט געטאָן ווערען; וואָס עס

(שלוס אויף זייט 16).

פּרעזידענט שלעזינגער אין פילאַדעלפיא און אין וואַשינגטאָן

ניט אַכטענדיג אויף דער אָנגעצויגענקייט פון דער לאַגע אין ניו יאָרק, האָט פּרעזידענט שלעזינגער די וואָך געמוזט זיין אין פילאַדעלפיא און אין וואַשינגטאָן.

אין פילאַדעלפיא איז ער געווען דינסטאַג, אין די אינטערעסען פון די פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער. ער איז גערופען געוואָרען אַהין פון דער פילאַדעלפיער קלאָוקמאַכער יוניאָן, בייצוואוינען אַ קאָנפערענץ צווישען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן. די אַסאָסיאיישאָן האָט די יוניאָן גערופען צו אַ קאָנפערענץ, און די יוניאָן האָט אָנגענומען די איינלאַדונג.

ווען מיר שרייבען די שורות איז נאָך ניט באַקאַנט, וועלכע רעזולטאַטען דער קאָנפערענץ האָט געבראַכט. מיר וועלען עס באַקאַנט מאַכען נעקסטע וואָך.

מיטוואָך איז פּרעזידענט שלעזינגער געפאָרען אין וואַשינגטאָן.

אין וואַשינגטאָן איז ער געפאָהרען אויף דער איינלאַדונג פון סעקרעטערי דייוויס פון יונייטעד סטייטס „דעפּאַרטמענט אָף לייבאָר".

סעקרעטערי דייוויס האָט איינגעלאַדען אין וואַשינגטאָן אונזער אינטערנעשאַנאַל און אויך אַ קאָמיטע פון די פילאַדעלפיער וויסט און דרעס מאַנופעקטשורערס, קעגען וועלכע די יוניאָן פיהרט אָן דעם סטרייק.

סעקרעטערי דייוויס האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם וויסט און דרעס סטרייק אין פילאַדעלפיע, און ווי עס שיינט, וויל ער מאַכען אַ פּרווון צו ברענגען דעם סטרייק צו אַ סעטעלמענט.

עס בלייבט, אַלזאָ, אָפּצוואַרטען און זעהן וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען. פּרעזידענט שלעזינגער וועט פאַר סעקרעטערי דייוויס פאַרלייגען די גערעכטע [illegible] פון די אַרבייטער, וועלכע סטרייקען פאַר זייער רעכט מיט אַזאַ איבערגעבענקייט. אָבער וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען קען מען נאָך ניט וויסען ווען דער נומער „גערעכטיגקייט" געהט צום דרוק.

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 46.

זייט 2. די וואָך — מאַקס ד. דאַניש.
ניועס פון פילאַדעלפיע — א. ג.
זייט 3. ענינים פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין דער פּרעסע — אַ סטעף רעפּאָרטער.
זייט 4. נאָטיצען פון עדוקיישאַנאַל דעפּאַרטמענט. [illegible] פון די וויסט און דרעס שעפּער.
זייט 5. צוויי סיטינגען פון עקזעקוטיוו באָאַרד פון לאָקאַל 22 — י. שעהנהאָלץ. אויף אַ זייגערל (ערצעהלונג) — אברהם רייזען.
זייט 6. [illegible] פון די קלאָוק־שעפּער [illegible]
זייט 7. [illegible]
זייט 8. [illegible]
זייט 9. [illegible]
זייט 10. [illegible]
זייט 11. [illegible]
זייט 12. [illegible]
זייט 14. [illegible]
זייט 15. [illegible]

אינטערנעשאַנאַל אַרבייטער אוניווערזיטעט עפענט זיך פרייטאַג, 18טען נאָוועמבער

צו דער געלעגענהייט ווערט געגעבען אַ שעהנער קאָנצערט און עס וועלען געהאַלטען ווערען קורצע רעדעס. — פּראָפעסאָר ביערד און פּרעזידענט שלעזינגער זיינען צווישען די רעדנער.

די ערעפנונג פון אונזער אַרבייטער־אוניווערזיטעט וועט געפייערט ווערען פרייטאַג אָוונט, דעם 18טען נאָוועמבער, אין וואַשינגטאָן אירווינג הייַ סקול, אירווינג פּלייס און 16טע סטריט. צו דער געלעגענהייט [illegible]

אין קאָנצערט וועלען זיך באַטייליגען [illegible]

(שלוס אויף זייט 12).

פילאדעלפיער ווייסט און דרעס מייקערס האבען ווידער א זיג איבער די מאנופעקטשורערס

פון י. ש. פרענאוויץ

דזשאדזש גיט ארויס א פאראדנונג ניט צו סטרייקען אויף א ניט געזעצליכען אופן, אבער פיקעטען די שעפער מעג מען. — גרויסער קלאפ פאר די מאנופעקטשורערס אסס'ן. — טשיימבער אוו קאמערס און זיין חשבון וועגען ארבייטסלאזיגקייט אין פילאדעלפיע. — א אינטערעסאנטער חשבון.

די פילאדעלפיער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן האט ווידער געהאט א זיג. איהר ווייסט דאך אז די ווייכט און דרעס מאנופעקטשורערס, ליכטענשטיין און רייכלין, און די וואסעקא קאמפאני, האבען געוואלט ארויסקריגען אן אינדזשאנקשאן געגען פיקעטען זייערע שעפער. זיי האבען פשוט גע'חלש'ט אזא „אינדזשאנקשעלע" ארויסצוקריגען, און זיי האבען זיכער געגלויבט אז דאס וועט זיי אויך געלינגען. עס טרעפט אבער אמאל אז זאגאר באסעס האבען ניט אזא גרויסען מזל, ווייל דער דזשאדזש האט ארויסגעגעבען א פאראדנונג אז די סטרייקערס זאלען ניט באגעהן קיין פארברעכען געגען געזעץ אין דער צייט ווען זיי וועלען פיקעטען, און ער האט אנגעדייטעט וואס ער מיינט מיט פארברעכען געגען געזעץ, אבער פיקעטען די שעפער מעג מען, ווייל דאס איז ניט געגען געזעץ.

עס קוקט אויס אז די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן האט זיך דאך געשראקען אז דער דזשאדזש וועט דעם אינדזשאנקשאן געגען פיקעטען ניט ארויסגעבען, און דערפאר האט די אסס'ן אלס א גאנצע אויך זיך געווענדעט אין קארט פאר אן אינדזשאנקשאן, האפענדיג אז זי וועט זיכער האבען א גוטען מזל... האט דער דזשאדזש, נאכדעם ווי ער האט אויסגעהערט אלע באווייזע פון ביידע זייטען, פון די מאנופעקטשורערס און דער יוניאן, ארויסגעגעבען די זעלבע פאראדנונג ווי אין דער ערשטער קייס, און דאס איז: די סטרייקערס זאלען ניט האנדלען געגען געזעץ ווען זיי וועלען פיקעטען די שעפער...

און די שעפער זיינען געפיקעט געווארען, און זיי וועלען געפיקעט ווערען לויט די פעראדנונג פון דזשאדזש. דער מענעדזשער פון דער יוניאן האט ביי א מיטינג פון די סטרייקערס ערקלעהרט פאר זיי די פונקטען פון דעם דזשאדזש'ס פאראדנונג, און ער האט אויך ערקלערט אז די יוניאן איז אלע מאל געווען און איז אויך יעצט פאר פיקעטען אויף א פרידליכען אופן.

נאך די צוויי אינדזשאנקשאן ענטשיידונג פון דזשאדזש פינלעטער, האט עליאס רייזבערג, דער מענעדזשער פון דער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן, ארויסגעגעבען פאלגענדע ערקלעהרונג אין באצוג דעם סטרייק און אין באצוג די פאראדרנונג פון דזשאדזש: —

„דיזער סטרייק איז גערופען געווארען דעם 30טען אויגוסט, 1921, דערפאר ווייל די מאנופעקטשורערס האבען זיך אנטזאגט פארטצוזעצען אונזער אגרימענט וועלכער איז געווען אין קראפט פאר די לעצטע 6 יאהר, און נאך דער ערקלעהרונג פון די מאנופעקטשורערס צו די ארבייטער אז זיי וועלען נאר דאן קאנען פארבלייבען ביי זייער באשעפטיגונג ווען די וויידזשעס וועלען געשניטען ווערען אויף 25 פראצענט, א העכערונג אין 4 שטונדען א וואך ארבייטס צייט און אנדערע שעדליכע באדינגונגען וועלען איינגעפירט ווערען.

„פילע פון די אונרוהען וועלכע זיינען צוגעשריבען געווארען צו די מעמבערס פון דער יוניאן וועלכע זיינען געווען פיקעטס, זיינען פאראורזאכט געווארען פון די ניט באגרינדעטע פארשטעלונג פון די מאנופעקטשורערס און פאליציי אז אונרוהען וועלען פארקומען, און ארום 75 פראצענט פון די ארעסטירטע זיינען גיך ארויסגעלאזען געווארען פריי, ווייל עס זיינען געגען זיי אבסאלוט קיינע באווייזע ניט געווען.

אלס רעזולטאט פון די פארהאנדלונגען וועלכע זיינען פארגעקומען אין קארט פאר דזשאדזש פינלעטער, איז ארויסגעגעבען געווארען א פאראדרנונג וועלכע ערקלעהרט אז אין דעם פיהרען פון א סטרייק און אין די פיקעט ארבייט ארום די שעפער, זאל ניט געטאן ווערען קיין זאך געגען געזעץ, אדער וואס זאל קאנען מאכען ניט געזעצליכע שטערונגען אין די רעכטע פון מאנופעקטשורערס.

איך וויל דא פעסטשטעלען אז פון דעם סאמע אנפאנג פון סטרייק האבען מיר גענומען אלעס אום אנצופיהרען דיזען סטרייק אין די ריכטיגע ליניען, און אויסמיידען אויף אירגענד וועלכען אופן צו איבערטרעטען דעם געזעץ. מיר האבען, פארשטעהט זיך, דעם העכסטען רעספעקט פאר די מיינונג פון קארט, און וועלען פארטזעצען אנצופיהרען דעם סטרייק אין איינקלאנג מיט דעם געזעץ און מיט דער געהעריגער אויפפאסונג פון די רעקאמענדאציעס וועלכע זיינען געמאכט געווארען פון קארט אין באצוג די פיקעט ארבייט.

„דיזער סטרייק איז געווארען א נויטווענדיגקייט צוליב די האנדלונג פון די מאנופעקטשורערס. דער סטרייק איז א גערעכטער און עס איז אבסאלוט ניט נויטיג פאר אונז צו געהן געגען געזעץ אום איהם צו געווינען.

דער סטרייק וועט ווערען פארטגעזעצט. דער געזעץ וועט אפגעהיט ווערען און דער סטרייק וועט פאלגליך זיין א געוואונענער."

די יוניאן האט ערקלעהרט דעם סטרייק ווייל זי האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט. די מאנופעקטשורערס האבען אויף איהר דעם סטרייק ארויפגעצוואונגען, און ער וועט געקעמפט ווערען מיט אלע געזעצליכע מיטלען ביז וואנען די מאנופעקטשורערס וועלען ווערען אביסעל קליגער און זיי וועלען אונטערשרייבען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן לויט דעם וואונש און ווילען פון דיזער מעכטיגער ארגאניזאציאן.

* * *

וואו מען געהט און וואו מען שטעהט הערט מען זאגען אז אין לאנד איז דא א געוואלדיגע ארבייטסלאזיגקייט. „מ'זאגט" אז ארום 6 מיליאן מענשען געהען ארום ליידיג, און אז די נויט איז שרעקליך צווישען די ארבייטסלאזע. מעגליך אז אין אנדערע שטעט איז טאקע אזוי, אבער ביי אונז אין פילאדעלפיא איז אנדערש; ביי אונז אין דער געבענשטער שטאט פון ברודער ליבע און פאליסלייט, זיינען קיין ארבייטסלאזע ניטא... ביי אונז ארבייטען מענער און פרויען, יונגע און אלטע, קינדער און בייביס, און לויט א געוויסען חשבון ארבייטען ביי אונז זאגאר איין מאל הונדערט, זעקס און זיבציג טויזענד, צוויי הונדערט מיט איין און צוואנציג (176,221) מתים... איהר גלויבט ניט? גאט איז מיט אייך! ווארום זאלט איהר ניט גלויבען?... איהר מיינט אז דאס זאגט איינער וועלכער ווייסט ניט אויף וואס פאר א וועלט ער איז? אז דאס האט געמאכט עפעס א „צודרעהטער", וועלכער קאן קיין צוויי ניט צעהלען?... ניין, אזא חשבון האט געמאכט ניט קיין אנדערער ווי אונזער פילאדעלפיער טשאמבער אוו קאמערס, און זיכער מעגט איהר זיין אז וואס-וואס, צעהלען קאן דער טשאמבער אוו קאמערס; רעכענען קאן ער, און ער האט עס דעם גרויסען חשבון געמאכט...

אבער לאמיך קומען צום פונקט.

איהר ווייסט דאך געוויס אז אונזערע אויסערוועהלטע פון וואשינגטאן האבען זיך שטארק פארטראכט וועגען די ארבייטסלאזע, און וועגען דעם ווי אזוי מען קאן זיי פארזארגען מיט ארבייט. זייערע הערצער האבען שטארק אנגעהויבען צו קלאפען מיט ליבע און מיט רחמנות צו די לעריג געהער וועלכע ליידען אזוי שטארק איצטער... אלזא, האט אונזער פרעזידענט גערופען א קאנפערענץ וועגען דעם. עס האבען זיך דארטען פארזאמעלט גרויסע הערען און זיי האבען אנגעהויבען צו טראכטען ווי אזוי אלעס גוט צו מאכען, ווייל ווער דען זאל זארגען פאר די ארימע ווען ניט אונזער פרעזידענט און די גרויסע הערען אונזערע, וועמען גאט האט מיט אזא פולער האנד געהאלפען?... איז אלזא אפגעהאלטען געווארען אין וואשינגטאן דער קאנפערענץ, און איהר פארשטעהט דאך, אז פארשטעהער פון אונזער טשאמבער אוו קאמערס האבען דארטען אויך ניט געפעהלט, ווייל, פאר וואס טאקע ניט? זעהט איהר דען ניט ווי אזוי ער איז פאראינטערעסירט אין דעם קאמף פון די פילאדעלפיער ווייסט און דרעס מייקערס?... אלזא, צום פונקט:

אט דיזע גוטע מענשען פון אונזער טשאמבער אוו קאמערס, זיינען ניט געקומען מיט ליידיגע הענט. זיי האבען געבראכט א חשבון וועגען דעם צושטאנד פון ארבייטסלאזיגקייט אין פילאדעלפיא. זיי האבען געבראכט, ווי זיי האבען געזאגט, דעם חשבון נאך א „שטרענגע אונטערזוכונג" וואס דער טשאמבער אוו קאמערס האט געמאכט וועגען דעם, און ער האט זיך דאס גענומען די גרויסע ארבייט כדי „דער קאנפערענץ זאל האבען גענוג פאקטען וועגען די פילאדעלפיער ארבייטסלאזיגקייט".

און דער חשבון פון טשאמבער אוו קאמערס לויטעט אזוי: אין פילאדעלפיא געפינען זיך הונדערט מיט 25 טויזענד ארבייטסלאזע, און אז צו יעדע 16 ארבייטער וועלכע זיינען באשעפטיגט אין פילאדעלפיע, איז דער 17טער ארבייטסלאז.

און ווען מר. הואווער, דער שפייזער פון דער וועלט, האט דערהערט אז צו יעדע 16 ארבייטער איז בלויז דער 17טער ארבייטסלאז, האט ער גלייך געפונען א מיטעל ווי אזוי דעם 17טען מענשען וועלכער האט קיין ארבייט ניט, צו שפייזען... ער האט נעמליך געזאגט אז די 16 זאלען שפייזען דעם 17טען, און — דאס איז א גאנץ גוטע עצה. ווען יעדערער פון די 16 זאל בלויז אוועקגעבען א האלבע שטונדע ארבייט, וואלט שוין דער 17טער געקאנט מאכען א לעבען... א מענש וואס האט א גרויסע קאפ, איז טאקע פארזארגט מיט אלע גוטע עצות...

אבער האט געדולד. טראץ דעם וואס דער טשאמבער אוו קאמערס האט געזאגט אין זיין באריכט אז אין פילאדעלפיע זיינען דא הונדערט מיט פינף און צוואנציג טויזענד ארבייטסלאזע, קוקט אויס לויט זיין באריכט, אז אין פילאדעלפיא זיינען מתים שטארק באשעפטיגט.

אלזא ניט א שטיקעל רעכען: פון יעדע 17 מענשען וועלכע געפינען זיך אין פילאדעלפיא ארבייטען 16. רעכענט איצטער אויס וויפיל עס איז 16 מאל הונדערט מיט פינף און צוואנציג טויזענד. דאכט זיך אז צוויי מיליאן, אמת? עס הייסט אלזא אז אין פילאדעלפיא ארבייטען צוויי מיליאן מענשען...

ווייטער: לויט דעם לעצטען צענזוס (1920) איז די באפעלקערונג פון פילאדעלפיא איינגאנצען 1,823,779. ארבייטען ארבייטען אלזא גאנצע צוויי מיליאן, טא ווער זיינען די ארבייטער וועלכע פעהלען, לויט דעם צענזוס-חשבון? געוויס מתים...

עס הייסט אלזא, אז אין פילאדעלפיע זיינען קיין ארבייטסלאזע ניטא, טא ווארום ערקלעהרט דער טשאמבער אוו קאמערס אז עס זיינען יא דא 125 טויזענד ארבייטסלאזע אין פילאדעלפיע? אבער וואס פאר א ווערט האט מיין דוכטען זיך אין פארגלייך צו דעם חשבון פון טשאמבער אוו קאמערס אז פון יעדע 17 מענשען זיינען 16 באשעפטיגט?

און ווי קומט עס וואס מר. הואווער, דער מאן וועלכער שפייזט א וועלט, זאל זיך גאר ניט כאפען אז זיין עצה איז עפעס ניט גלאט?... גלויבט מיר אז מיר הויבט אן צו שווינדלען אין קאפ פון דעם גוואלדיגען חשבון... איך בין פון איהם ניט פאר אייך געדאכט, געווארען א האלב טויטער מענש, ווייל ביי אונז אין פילאדעלפיא ארבייטען אזוי פיל טויטע צווישען לעבעדיגע.

ווי גוט עס איז אז מען קאן ניט רעכענען...

די עפענונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט פרייטאג, 18טען נאוועמבער

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט און עס וועט געהאלטען ווערען קורצע, באלעהרענדע רעדעס.

די ערעפענונג פון אונזער ארבייטער-אוניווערזיטעט וועט געפייערט ווערען פרייטאג אווענט, דעם 18טען נאוועמבער, אין וואשינגטאן אירווינג היי סקול, אירווינג פלייס און 16טע סט. צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער, קלאסישער קאנצערט, און עס וועלען דערביי געהאלטען ווערען קורצע, באלעהרענדע רעדעס. עס איז גענוג צו דערמאנען, דאס פראפעסאר טשארלס ביערד וועט זיין איינער פון די רעדנער.

אין קאנצערט וועט זיך באטייליגען א באוואוסטער פידעל-שפילער, און א פאר זינגער, וואס האבען שוין פריהער זיך באליבט געמאכט ביי אונזער עולם, נעמליך, דער באריטאן אויגוסט ווערנער און די סאפראנא זינגערין ראזע ראבאק. מיס סיידי חפץ וועט אקאמפאנירען אויף דער פיאנא. דער פולער פראגראם וועט באקאנט געמאכט ווערען נעקסטע וואך.

דער ערעפענונגס יום טוב פון אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט איז געווארען א וויכטיגע ערשיינונג ביי אונזערע מיטגלידער אין ניו יארק. דער עולם וואס קומט צו דער שמחה באשטעהט דאס רוב פון די עקזעקוטיוו מעמבערס פון די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין גרויס ניו יארק, די באאמטע פון דער יוניאן, די איצטיגע און געוועזענע סטודענטען פון דעם ארבייטער אוניווערזיטעט און די יוניטי סענטערס, די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון די לאקאלס און זאנסט מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס וואס אינטערעסירען זיך מיט ארבייטער-בילדונג.

איינטריט צום קאנצערט איז פריי. מען דארף אבער האבען טיקעטס אויף אריינצוגעהן אין אודיטאריום פון דער סקול. די מיטגלידער קאנען באקומען די טיקעטס פריי אין אפיס פון זייער לאקאל יוניאן, אדער אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1003.

די מיטגלידער וואס ווילען זיין אויף דעם קאנצערט דארפען זיך באלד באזארגען מיט טיקעטס. עס ווערט ארויסגעגעבען בלויז אזוי פיל טיקעטס וויפיל מענשען עס קאנען אריינגעהן אין דעם גרויסען אודיטאריום פון דער וואשינגטאן אירווינג היי-סקול און די וואס וועלען קומען פריהער וועלען באקומען די טיקעטס. די נאכפראגע פאר די טיקעטס איז שוין גרויס. מאנכע שעפער האבען געשיקט קאמיטעס צום עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, פארלאנגענדיג טיקעטס פאר אלע ארבייטער אין זייער שאפ, און אויב דאס וועט ווייטער אזוי אנגעהן, וועט זיין אונמעגליך אלעמען מיט טיקעטס צו באזארגען.

ארבייטער, טוט אייער פליכט אין טאג פון עלעקשאן!

(שלוס פון זייט 1).

פעהיגער, אינטעליגענטער יונגערמאן. דעם אמת זאגענדיג, דארפען מיר איהם נויטיג האבען אין אונזער אפיס. נאר טאמער וועלען די בירגער פון 4טען דיסטריקט זיך איינשפארען, אז זיי ווילען דווקא איהם האבען אין אלבאני, אין דער אסעמבלי, וועלען מיר איהם מוזען אפגעבען.

זאלען, אלזא, די קלאוקמאכער און די מיטגלידער פון אונזערע אנדערע יוניאנס טאן זייער פליכט קומענדען דינסטאג. ווען איהר געהט שוין יא שטימען, טו שטימט כאטש פאר אייגענע מענשען, פאר די פארטרעטער פון אייער קלאס. מיר גלויבען איבערהויפט, אז די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס זיינען אינטעליגענט גענוג, ניט צו סקעבען קעגען זיך אליין, ביים שטים-קאסטען, און עס איז גאר אריבעריג צו זיי וועגען דעם צו אגיטירען. זיי וועלען שוין געוויס אליין טאן זייער פליכט.

די קלאוקמאכער וואס קאנען און ווילען זיין „וואטשערס" פאר די סאציאליסטישע פארטיי אין טאג פון עלעקשאן, זיינען געבעטען זיך צו מעלדען צו ברודער ל. לאנגער, דער סעקרעטער פון דזשאינט באארד.

אפצוהיטען די סאציאליסטישע שטימען זאלען ניט צונג'גנב'עט ווערען, איז פונקט אזוי וויכטיג ווי צו באקומען די שטימען. זאלען די קלאוקמאכער וואס קאנען זיין „וואטשערס" באלד זיך מעלדען אין אפיס פון דזשאינט באארד, 40 איסט 23טע סטריט, 4טען פלאר.

צו די טשערליים פון אלע קלאוס שעפער!

די „פראטעקטיוו אסס'ן" האט ווידער אמאל אפגעשטעלט איהר מאשינעריע, אויף אויסצוגלייכען די סכסוכים וואס קומען פאר אין די שעפער.

זאלען די טשערליים זיך וועגען דעם ניט קימערען און ווייטער בריינגען די קאמפליינטס פון די שעפער אין אפיס פון דער יוניאן, פונקט ווי ביז איצט.

די טשערליים זיינען אויך געבעטען צו בריינגען זייערע נעמען און אדרעסען אין אפיס פון דער יוניאן.

אין נאמען פון דזשאינט באארד.

דזש. רובין, פראטעקטיוו דיוויזשאן.